STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02014

TSEN YOR LEBN

Miryam Raskin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים ראסקין

צען יאָר לעבן

(די פינפטע יאָרן)

ארויסגעגעבן פון
פארלאג „פרייהייט“, 1927

Copyright, 1927
by the
Freiheit Publishing Association, Inc.

490

צייכנונגען און האָלצשניטן

פון י. ד י י נ א ו ו

**
*

אין א שטילער ווינטערדיקער נאכט, אין א מילד־באלויכטע־נעם צימער, זענען מיר — א גרופע אלטע גוטע פריינט — גע־זעסן און אינטים געשמועסט. מיר האבן זיך אפגעגעבן צו די ער־אינערונגען פון דער ניט־לאנג פארגאנגענער צייט פון די „פינפטע יארן", פון יענער וואונדערלאכער צייט פון רעוואלוציאנערן הערא־אישן קאמף. יעדערער פון אונז האט אזוי אדער אנדערש אליין גענומען אן אנטייל אין דעם דאזיקן קאמף. בילדער פון איבערגעבענע חברים זענען אויפגעשוואומען פאר אונזערע בליקן. א סך פון זיי זענען אומגעקומען אין די רוסישע טורמעס, צי אין סיביר. אנדערע זענען פארבליבן אנטוישט, מיד און אויסגע־שעפט, ניט זייענדיק פייאיק מער צו לעבן מיט אן אנדער אינטע־רעס אויסער דער רעוואלוציע.

אינמיטן פון אט־די עראינערונגען האט אימיצער געפרעגט:

— „און וואס איז געווארן מיט דער קליינער דבורה'ן?"

אלע האבן זיך גלייך דערמאנט אן דער נאנטער חבר'טע דבורה, מיט איר עטוואס איינגעבויגענער פיגור און פרומען פנים, וואס איז פון טייטש־חומש און תהילים־זאגן אריבער אין דער באַ־וועגונג און געווארן א הייסע רעוואלוציאנערקע.

אט־די דבורה איז געווען זייער נאאיוו. מען דערציילט, אז איינמאל האט איר פאטער געפונען בא איר עטלאכע אומלעגאלע ביכלאך, האט ער זיך געקליבן זיי צו פארברענען, נאר דבורה האט עס דערזען. זי איז צוגעשפרונגען צום פאטער און אין גרויס אנגסט האט זי אויסגעשריען:

—„לייג מיך בעסער אפ'ן פייער!"

קיינער האָט איצט ניט געוואוסט, וואָס מיט דבורה'ן איז געוואָרן. נאָר אידע ראָזען, איינע פון די פאַרזאַמלטע חבר'טעס, האָט זיך אָפּגערופן:

— „באַ מיר ליגן אירע שריפטן, דבורה האָט ליב געהאַט צו פאַרצייכענען אַלע געשעעענישן פון איר לעבן. זי האָט עס גע־האַלטן בסוד, און פאַר איר לעצטן אַוועקפאָרן האָט זי עס מיר אי־בערגעגעבן. לאָמיר עס איצט איבערלייענען".

אַלע האָבן צוגעשטימט, און אין אַ צווייטן אָוונט האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט באַ אידע'ן אין הויז און זי האָט אָנגעהויבן לייענען פאַר אונז די שריפטן.

ביעלסק, 15טן דעצ.

ס'גערענקט זיך מיר אַ בילד: איך זיץ באַם פענצטער איי־נע אַליין. דער דרויסן איז ווייס פאַרשנייט און בלישטשעט מיט טויזנטער בריליאַנטן. איך בין פאַרטיפט אין לייענען עפּעס אַ ביכל, און אַרום איז אַזוי שטיל, ווי אַלץ וואָלט איינגעשלאָפן. עס הערט זיך נאָר דער שטענדיקער טיק־טאַק פון וואַנט־זייגער. דער טאַטע גייט אַרום אויף די „שטונדן", די מומע איז ערגעץ אַוועק. אָט עפנט זיך די טיר, ס'קומט אַריין דער טאַטע, ער שטעלט אַוועק דעם נאַסן שירם אין ווינקל און נעמט אַרומגיין איבער'ן שטוב הין און צוריק. דערנאָך שטעלט ער זיך אַוועק לעבן מיר און קוקט מיך אָן לאַנג־לאַנג.

— „דו ווייסט, דבורה'לע, — זאָגט ער צו מיר, — מען דאַרף דיך גאָר מאַכן פאַר אַ שניידערין, ניט חלילה אויף געלט פאַרדינען, נאָר גלאַט אַזוי, זאָלסט קענען פאַר זיך; אגב, וועסטו ניט לייענען אַזוי פיל. ס'איז ניט געזונט פאַר דיר".

איך קוק זיך איין אין טאַטנ'ס געזיכט, ער איז בלאַס, אויס־געמאַטערט, איך ווייס דער טאַטע איז קראַנק, בשעת ער הוסט האַלט ער זיך מיט ביידע הענט פאַר'ן זייט. אַ ציטערדיקע, באַ־שליס איך בא זיך צו פאָלגן אים אין אַלצדינג און קיינמאָל ניט פאַרשאַפן אים קיין קריינקונג.

**
*

אין מאַסטערסקאַיאַ איז טומלדיק. איך בין פאַרטויבט פון די שטענדיקע געלעכטערס און די וויצן פון די שניידער־בחורים, און דער טשאַד פון די פּרעס־אייזנס, פון וואָס עס טוט ווי דער קאָפּ גאַנצע טעג.

מיר זענען עטלאַכע לערן־מיידלאַך, אונזער הויפּטאַרבעט איז

צו ברייננגען עסן פאר די ארבעטער און גיין א גאנג פאר'ן באלע־באס דעם מייסטער. דער מייסטער איז שטענדיק אנגעכמורעט, בייז. מיט א לאנגן אויסגעצויגענעם פנים, מיט א לאנגער באָרד און אזוי אויך זיינען לאנג די הענט און פיס זיינע, און אז ער צעשרייט זיך, דוכט זיך מיר אויס, אז אָט באלד וועט ער מיט זיין ליינג דערגרייכן ביז'ן באלקן.

אָט שטייט ער לעבן זיין גרויסן ארבעטס־טיש און נעמט פאנאנדער עפּעס א שטיקל ווארע צווישן די לאנגע פינגער.

— „האסטו שוין ווידער געבראכט ניט דאָס, וואָס מען האָט דיר געהייסן!“ און ער קוקט אָף מיר מיט אזא קוק וואָס איז צו זען, ווי ווייניק ווערט איך האָב בא אים אין די אויגן. דעמאָלט וואקסט אויס פון ערגעץ די מייסטערקע, א שווערע און א פליי־שיקע, מיט בריסטן וואָס הייגנען איר איבער'ן בויך אריבער. זי גלעט מיך מיט איר פוכיקער האנט איבער'ן קאָפּ:

— „נעבאך א יתומה“.

איך גיי ארום אין צוויי וועלטן, — די פון מאסטערסקאיא און מיין אייגענע וועלט, וואָס קיינער האָט אהין קיין שליטה ניט. איך גיי גערן אריבער אין דער דאָזיקער אנדערער וועלט, וועלכע דוכט זיך מיר אויס צו זיין דיווירקלאכע, די וואָס געפינט זיך ערגעץ אין די הימלען, וואו עס געוועלטיקן נאָר גוטע מלאכים און גאָט אליין איז איבער מיר דער באשיצער.

אמאָל כאָפּ איך זיך, איך זע דער טאָג איז שוין אוועקגע־גאנגען. עס ברענען העל די בליי־לאָמפּן, די שניידער־בחורים זיצן אלע ארום איין טיש, א גערזינגעריי איבער דער גאנצער מאס־טערסקאיא. ווי זיי ארבעטן דאָס! די שטערנס קנייטשן זיך אזש פון התמדה, די האנט מיט'ן נאָדל־פּאָדים פליט ארויף און אראָפּ אין טאקט מיט'ן געזאנג. און אזוי ביז 12, ביז איינס אזייגער, ביז מען דארף שוין גיין שלאָפן.

נאָר ס'איז דאָנערשטיק הייגט און מען איז אויף די גאנצע נאכט. מען ווארט נאָר דער מייסטער זאָל אוועק־גיין צו זיך אין שטוב. אלע קוקן זיך איבער מיט א

ביטרען קוק. די הענט ווערן אוועקגעלייגט אַף דער ארבעט. מען דערציילט זיך מעשיות און מען זאָגט צוויי־דייטיקע וויצן, און אז איינער ווערט אַנטשלאָפן, טראָגט מען אים צו אַ ברענענדיק שווע־בעלע צום נאָז, אָדער מען בינדט אים צו צום טיש מיט אַ שטריקל פאַר'ן האַנט, צי פאַר'ן פוס, און יענער צאַפּלט זיך, אַז מען קאָן אַזש פּלאַצן פון געלעכטער. מיט'ן אָנקומען פון פרימאָרגן זיצן שוין אַלע ווידער אַריינגעטאָן אין גענייַ, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָר ניט געווען.

דאָ איז ווי אַ געבאָט פון שטענדיקער ארבעט, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף און הערט קיינמאָל ניט אויף. ס'איז ווי דער מזל, וואָס איז אומפאַרמיידלאַך, און אַלע גיבן אים זיך אונטער. אַלע אויסער איינעם — הערשל דעם ביאַליסטאָקער.

הערשל דער ביאַליסטאָקער איז דאָ ווי אַ כלל פאַר זיך, און די איבעריקע שניידער־בחורים קוקן אַף אים, ווי אַף עפּעס אַ טשי־קאַווע באַשעפעניש. אַז ער וויל, מאַכט ער זיך אַ יום־טוב אינ־מיטן העלן טאָג.

— „כ'האָב געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ וועלט עס איז נאָך פאַראַן אויסער אונזער ארבעט".

בשעת ער גייט, איז פּונקט ווי ער וואָלט זיך געצוויגן ערגעץ פאָראויס מיט זיין גאַנצן קערפּער. די אויגן בלישטשען בא אים עפּעס אַזוי מאָדנע. זיין פּנים איז אָן אויסגעאיידלטער און איז אַרומגענומען מיט אַ ראַם פון שוואַרצע האָר. ער זעט אויס אַזוי ווי אַ לערנער און דער באַלעבאָס אַליין האָט פאַר אים דרך־ארץ.

מיר גייען צוזאַמען פון דער ארבעט אַהיים, הערשל פרעגט: „זאָגט מיר, וואָס טוט איר דעם גאַנצן שבת'דיקן טאָג"?

— „אינדערפרי", זאָג איך, „לייען איך די סדרה און דערנאָך האָב איך ביכלאַך, וואָס די עלטערע שוועסטער קריגט אַף פּראַ־קאַט". און איך דערצייל אים וועגן אַזאַ וואונדערלאַך ביכל, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג איבערגעלייענט — „די געהיימנישן פון שפּאַנישן הויף".

הערשל קוקט אַף מיר פאַרוואונדערט:

— „אזוי, אזוי“.

— „און וואָס פאַר אַ ביכלאַך זע איך אייך האַלטן אין קע־שענע?“ — פרעגט איך באַ אים ניט דרייסט.

— „אז איר ווילט, קאָן איך אייך געבן איינעם איבער־לייענען“.

פאַר.ן אוועקגיין זאָגט הערשר עפּעס ווי אומעטיק:

— „אייער שטעטל שלאָפט נאָך מיט אַ טיפן שלאָף“.

ביעלסק, דעם 27טן פעב.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס אין שטאָט האָט מען זיך גענומען שושקען וועגן מענטשן אזעלכע, וואָס זענען דאָ איצט פאַראַן, וואָס קלייבן זיך אויף אין די וועלדער און וואָס, אז מען כאַפּט זיי, קומט זיי זייער אַ גרויסע שטראָף. שבת אין שול זענען די באַלעבאַטים פאַרבליבן לייגנער נאָכ'ן דאַווענען און געשמועסט אַלץ פון דער דאָזיקער נייס. און אַז אומרואיקייט האָט זיך גענומען אריבערטראָגן פון שטוב צו שטוב, ווי פאַר אַ מגפה, אָדער בשעת עס דאַרף דורכגיין אַ קאָמעט אַפ'ן הימל און מען וואַרט ס'זאָל זיך איבערקערן די וועלט.

די ווייבער האָבן אָנגעהויבן צונויפרופן די קינדער באַלד פאַרנאַכט און צעלייגט זיי שלאָפן, דערנאָך האָט מען זיי געקאָנט זען צעשטעלט באַ די טירן נאָנט איינע צו דער אַנדערער מיט צע־שראָקענע אויגן; ווער שאָקלענדיק פאַרוואונדערט מיט'ן קאָפּ, און ווער מיט אַ פינגער אַריינגעשטופּט אין באַק. ר' יעקב דער מע־לער, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון ביאַליסטאָק, האָט אויפגע־קליבן אַ רעדל אידן ארום זיין שטוב און דערציילט זיי די וואונ־דערלאַכע זאַכן, וואָס ער האָט זיך דאָרטן אָנגעהערט. נאָר דאָס אַלץ איז געוואָרן איבערגעגעבן בסוד־סודות. ווען אַ אינגל פון גאַס האָט זיך געפּרואווט דערנענטערן צום ריידל און צולייגן אַן אויער, האָט ער געקריגן אַ יאָג אַוועק פאַר אַ וויאַרסט.

באַ אונז אין שטוב האָט מען פון קיין זאַך ניט גערעט; נאָר מיין טאַטע איז ארומגעגאַנגען מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און דער עלטערער שוועסטער איז אָנגעזאָגט געוואָרן ניט ארומגיין אזוי שפּעט באַנאַכט מיט אַ בחור, וואָס מ'ווייסט ניט אויב ס'וועט זיין אַ חתן אָדער ניט. נאָר איך אַליין ווייס אַ גרויסן סוד: הערשל דער ביאַליסטאָקער האָט מיר שוין פאַרטרויט איינמאַל גייענדיק

באנאכט פון דער ארבעט, אז אויב איך וויל, קאָן איך גיין מיט אים שבת אין וואַלד אַהין צו יענע מענטשן.

הערשל האָט מיך אויסדערוויילט צו גיין מיט אים. פאַר־וואָס האָט ער עפּעס אָנגעטרויט נאָר מיר? דאָס האָט מיך אי געשראָקן, אי געפרייט; אָבער ווי דערוואַרט מען זיך ביז שבת! מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז ס'וועט זיך טרעפן עפּעס אַ סיבה ביז דעמאָלסט, אָדער הערשל וועט חרטה האָבן און ניט וועלן מיך פירן אַהין.

דער שבת איז געקומען. איך זע: די מומע גייט שוין פון שול איינע אַליין, ווי אַלע מאָל. זי לייגט אַוועק דעם סידור אַפ'ן טיש און גיט אַ קוש די מזוזה. איך קוק זיך איין מיט ליבשאַפט צו יעדער באַוועגונג אירער.

פאַרוואָס זאָגט מען, אַז אַ שטיף־מוטער מוז זיין אַ בייזע, אַ מרשעת? מיין מומע איז אַזוי יונג, און איר גוטמוטיקער, פרומער פּנים מאַכט איר אויסזען ווי אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער. זי טראָגט אַ שטייף יאַקל. איר קליידל איז לאַנג ביז דער ערד און אויפגעבלאָזן, ברייט אַרום און אַרום. און עס זעט אויס, ווי זי באַוועגט זיך אַרום אָן דער הילף פון אי־רע פיס. מיין מומע קוקט טרויעריק. זי האָט ניט דעם נחת וואָס אַלע ווייבער צו גיין מיט'ן מאַן שבת אינדערפרי אין שול, ווייל מיין טאַטע איז גאָר ניט פרום.

— „דו פאַרזינדיקסט דיינע יאָרן" — רעדט זי צו אים מיט אַ שטילן פאַרוואָרף אין איר שטים. מיין טאַטע ענטפערט ניט, נאָר זיין הויכער משכיל'שער שטערן כמורעט זיך און דער שטאָל־צער בליק גיט צו וויסן, אַז ער האַלט זיך פאַר צו־פיל געלערנט צו גיין האָבן אַ וכוח מיט אַ אידענע. ניט איין מאָל האָב איך ביי־טער געוויינט, פאַרשטעלנדיק זיך וואָס פאַר אַ שטראָף עס וואַרט אַף מיין טאַטן, ווען ער וועט קומען אַף יענער וועלט, דערפאַר וואָס ער האַלט אום שבת אַ פּאַפּיראָס אין אַרבל, אַז קיינער זאָל ניט זען, אָדער ער וואַרפט צו קוילן אין סאַמאָוואַר בשעת דער גוי איז אַוועקגעגאַנגען.

היינט ציט זיך עפּעס דאָס עסן אַזוי אומגעווייגלאַך לאַנג. מיר דוכט זיך דער טאַטע קוקט אַף מיר מיט חשד.

הערשל דער ביאַליסטאָקער וואַרט שוין אָפּ'ן גאַס און מיר גייען אוועק אונטער'ן שטאָט צו דעם „גרינעם וועג".

איך בין פול מיט אָנגעשטריינגטער ערוואַרטונג. מיר ריידן ניט אַרויס קיין איין וואָרט. דער וועג איז דורך אַ יונגן בעריאָ־זעוון וואַלד. אַט זענען מיר שוין צוגעקומען צום אָרט, אין אַ גראָזיקן טאָל, פאַרשטעלט מיט בוימער. אַ קליינע גרופּע מענטשן שטייט צוגעטוילעט איינער צום אַנדערן, און איינער אַ יונגערמאַן איז אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און האַלט פּאַר זיי אַ רעדע.

דעם גאַנצן וועג גייענדיק אַהער, האָב איך אַלץ געטראַכט, אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ סעקטע, ווי עס באַשרייבט זיך אין די מעשיות פון די גרויסע העלדן, אָדער ווי אין בר־כוכבא; אָבער עס איז ניט דאָס. דאָ האָבן די מענטשן אויסגעזען אַזעלכע געוויינ־לאַכע, עטלאַכע פון זיי זענען מיר באַקאַנט געווען דאָ פון שטאָט. און דער מענטש, וואָס האָט גערעדט, איז געווען אַן אויסגעטריקנ־טער, אַ דאַרער, מיט אומעטיקע אויגן, אַזוי ווי בא אַן אַלטן מאַן. דער גאָרגל פון האַלז איז בא אים אַרומגעגאַנגען אַרויף און אַראָפּ בשעת זיין ריידן.

נאָר איך האָב שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס ער וועט זאָגן, האָב איך זיך געשטעלט נאָנט צו אים, כדי ניט דורכצולאָזן קיין איין וואָרט. האָט ער גערעדט וועגן פרומקייט און וועגן דעם, אַז עס איז ניטאָ קיין מזל. דערנאָך האָט ער געלאַכט פון גאָט, און די איבעריקע מענטשן האָבן אויך געלאַכט. ס'איז מיר דאָס אַלץ ניט געווען צום האַרצן. ניט אַזוי האָב איך זיך עס פאָרגעשטעלט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, ווי איך וואָלט פון אימיצן אָפּגענאַרט געוואָרן.

צוריק אַהיים איז מען שוין געגאַנגען אַלע צוזאַמען. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און אַ מילדער. אין דער לופט האָבן זיך געצויגן ווייסע זיידענע פעדים, דער סימן פון אָנקומענדיקן זומער. אָבער איצט האָט עס מיך מער ניט געפרייט ווי אַלע מאָל.

מיר זיינען ארויף אף א פעלד, וואו די ערד איז געווען צעאקערט און פון אויבן פארטריקנט פון ווינט. איז מען געגאנגען און די פיס האבן זיך אלע ווײלע איינגעגראבן אין בלאטע. האט דאס, ווייזט אויס, אלעמען שטארק הנאה געטאן, ווייל זיי זענען געווען מאדנע פריילאך און דעם גאנצן וועג געזונגען אלערליי לידער. נאר איך אליין האב זיך דא געפילט ווי א פרעמדע. וואס זענען דאס פאר א מענטשן און פארוואס האבן זיי אזוי גערעדט אף גאט? איך האב באשלאסן מער קיינמאל ניט צו קומען אהער צוריק.

ביעלסק, דעם 7טן מאי.

ס'איז שוין לאנג ווי איך האָב ניט קיין רואיקן געמיט. עס טוען זיך איצט אָפּ מיט מיר זאכן, וואָס זענען געגן מיין אייגע־נעם ווילן. און איך בין אזוי צעטראָגן.

דאָס ביכל, וואָס הערשל האָט מיר געגעבן, הייסט „וועמעס גלויבן איז בעסער" און ס'באַשרייבט זיך דאָרט אזוי: אַף א גרויסן, גרויסן פּלאַץ זענען זיך אויפגעקומען אַלע פעלקער פון דער וועלט צו פירן א ויכוח וועגן דעם, וועמעס גלויבן עס איז דער ריכטיקסטער. יעדעם פאָלק איז געקומען מיט זיין תורה און יעדער שרייט, אז זיין תורה איז די בעסטע און זיין גלויבן איז דער ריכטיקסטער. נאָר אין דער אמת'ן איז צווישן זיי דאָ נאָר איין גלויבן א ריכטיקער און די אַלע איבעריקע לעבן אין טעות. אָבער ווער צווישן אַלע פעלקער האָט דעם אמת'ן גלויבן? און וואָס, אויב די אידן זענען אויך צווישן די, וואָס לעבן נאָר אין טעות? אזוי טראַכט איך איצט איבער און ס'שרעקן מיך מיינע איי־נענע געדאַנקען. די מומע זאָגט, אז דער טייוול האָט טויזנט וועגן ווי אזוי צו פאַרפירן א מענטשן. ס'דוכט זיך מיר אָפט, אז איך אַליין בין איצט אויך פאַרפירט אַף א שלעכטן וועג.

פון איצט אָן בין איך שוין מיט קיין זאך מער ניט זיכער. און וואָס איך הויב נאָר אָן צו טאָן, פרעג איך זיך גלייך, צי עס איז גוט אָדער ניט. און איך קאָן זיך ניט געבן קיין ענטפער.

ווי גוט ס'איז דאָס מיר געווען ביז איצט! וואָס עס האָט נאָר מיט מיר פאַסירט, פלעג איך זיך גלייך ווענדן צו גאָט דורך דאַוונען און תהילים־זאָגן, און מיר פלעגט ווערן אזוי גרינג. איך האָב

געוואוסט, דאָרט אין הימל איז פאַראַן אַ גאָט, וואָס ווייסט אַלץ און באַשיצט אַלעמען. אָבער איצט קאָן איך שוין מער ניט דאַוו̇ענען מיט׳ן גאַנצן הארצן, ווייל באַלד מישן מיר זיך אריין נאָך אַנדערע געדאַנקען. איך גיי איצט אַרום ווי אַ פאַרזינדיקטע, ווי אַ פאַרגעסענע פון גאָט. ....

איינמאָל האָט זיך מיר געחלומ׳ט, ווי איך גיי איינע אַליין אין אַ ווייטן וועג, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ הויכן באַרג. דאָרט אפ׳ן שפּיץ באַרג שטייט אַ פּאַלאַץ און די טויערן פון פּאַלאַץ זענען פאַרשלאָסן. ווער עס וועט אַרויפקריכן אפ׳ן שפּיץ באַרג, וועלן זיך עפענען פאַר אים די טויערן און דאָרט וועט ער געפינען דעם שליסל צו אַלע חכמות פון דער וועלט. איך האָב אָנגעהויבן גיין אפ׳ן באַרג. די ערד האָט זיך געשאָטן אונטער מיינע פיס און איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן. און גיין צוריק האָב איך אויך ניט געקאָנט, האָב איך אָנגעהויבן שרייען פאַר שרעק. נאָר אַרום איז געווען פּוסט און וויסט און קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיין געשריי.

מיר סטרייקן.

דאָס וואָרט „סטרייק" האָט ווי אַ כשוף אַרומגעכאַפּט אַלע מאַסטערסקאַיעס און אין שטאָט איז שוין מער אין ערגעץ ניט געווען קיין רו.

ס'איז געווען אָפּגערעדט, אַז אינדערפרי זאָלן נאָך אַלע קומען צו דער אַרבעט, אָפּאַרבעטן ביז האַלבן טאָג; 12 אַזייגער האָבן מיר איינע די אַנדערע געגומען געבן צייכנס זיך אויפצוהויבן. מיט ציטערדיקע הענט האָבן מיר צונויפגעלייגט די אַרבעט, איינגעפּאַקט די פּעקלאַך און גענומען אָנטאָן די אויבערשטע מלבושים. כאַנקע, די לערן־מיידל, דעם באַלעבאָס שוועסטער־קינד, איז נאָך געשטאַנען אין גרויס פאַרלעגנהייט, און האָט געהאַלטן אין איין אַרומוויקלען איר נאָדל מיט אַ גרויסן ווייסן פאָדים.

איך האָב זיך אומגעקוקט צום באַלעבאָס. ער איז געשטאַנען בא זיין טיש מיט דער גרויסער שער אין האַנט, אַזוי אַריינגעטאָן אין שניידן, ווי ער וואָלט גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו זען, וואָס עס טוט זיך באַם וואַרשטאַט.

באַלד האָבן מיר אַלע זיך געגעבן אַ שפּאַר אַרויס אַפ'ן גאַס, ווי מורא־האָבנדיק, אַז מען זאָל אונז ניט רופן צוריק. אונז אַנטקעגן זענען אָנגעקומען די אַרבעטער פון קאַפּלאַנ'ס מאַסטערסקאַיאַ; זיי האָבן זיך געשאַרט איבער'ן גאַס איינגעהויקערטע, זיך זשמורנדיק אַפ'ן זון, ווי באַשעפעניש, וואָס זענען ניט געוואוינט צו דער ליכטיקייט פון טאָג; מיר האָבן זיך פריילאַך באַגריסט.

— „אַ גוט יום־טוב!"

— „אין מיטן העלן טאָג, נו, וואָס זאָגסטו ניט צו דעם?"

— „מען זאָל כאָטש נאָך גוט אָפּשניידן!"

— „וואָס האָט איר מורא, איר האָט אימיצן באַ'גנב'עט?"

און דערנאָך האָבן מיר נאָך לאַנג אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פריי איבער די גאַסן. די פאַרבייגייער האָבן שטוינענדיק אונז אָפּגעטראָטן דעם וועג; און אַז אימיצער פון אונז איז אַריינ־געקומען אין אַ קראָם עפּעס קויפן, האָט מען אים אָפּגעפּטר'ט אַף גיך, אַבי ער זאָל שוין גיין.

פאַרנאַכט בין איך איילנדיק אַוועק צו דער גרויסער פאַר־זאַמלונג אַפ'ן שול־הויף. דאָרט זענען שוין געווען אויפגעקליבן די אַרבעטער פון אַלע מאַסטערסקאַי'עס. הערשל דער ביאַלים־טאָקער,—אויפגעלעבטער און בלאַסער ווי אַלע מאָל,—האָט פון דער הויך פון אַ פאַרקאַן געמאָלדן, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט אַף צו פירן דעם סטרייק און אַז מען דאַרף אויסאַרבעטן פאָדערונגען צו די מייסטערס. צווישן עולם איז געוואָרן אַ גע־רודעריי. איציק ראַשקעס פון קאַפּלאַנ'ס מאַסטערסקאַיאַ, אָט־דער וואָס האָט קיינמאָל זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער אַרבעט, האָט זיך איצט שטאַרק געקאָכט:

— „ווער דאַרף האָבן פאָדערונגען? זאָל מען איינעם פון די מייסטערס אָפּגיסן מיט אָליום אָדער צעברעכן די ביינער, אַז ער זאָל האָבן צו געדיינקען".

עס איז געווען, ווי די גאַנצע ביטערקייט און דער כעס פון אַזוי פיל יאָרן, וואָס האָט געטליעט באַ אַלע אַרבעטער, האָט זיך איצט אויפגעזאַמלט אין אים אַליין. די רויטע אויסגעליאָ־מעוועטע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער. מיט דער זשי־לעטקע פאַרשפּיליעט נאָר אַפ'ן אויבערשטן קנעפּל, און מיטן בויך אַף אויסנווייניק אַרויסגעשפּאַרט, האָט ער זיך שטאַרק אָנגעזען.

— „באַ מנחמ'ען אַרבעט מען" — האָט אימיצער אויסגע־רופן.

— „זאָל מען היינט באַנאַכט אַהין אַריינוואַרפן אַ שטיין דורכ'ן פענצטער; די אַרבעטער זאָל מען אָפּוואָרטן און זיי אָנ־זאָגן מיטן האַרבן וואָרט, אַז ניט..."

אַ בחור'ל, אַ יונגער מיט אויסגעבויגענע האַלב־קיילעכדיקע פּיס און אַ גרויסן קאָפּ, האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר אַ גרופּע אַר־

בעטער. ער האָט דאָ דערמאָנט נייע ווערטער: „אָרגאַניזאַציע“ און „פּאַראייניקונג“, נאָר ער האָט זיי באַנוצט פּאָרזיכטיק און ניט זיכער. ער איז געווען ענלאַך צו אַ קינד, וואָס הויבט ערשט אָן זיך לערנען גיין און האָט מורא אַלע ווײַלע ניט צו פאַלן.

נאָך דער פּאַרזאַמלונג איז מען זיך נאָך אַלץ ניט פאַנאַנדער־געגאַנגען אהיים. ס'האָט זיך געדוכט, אַז עס זענען אָנגעקומען אַף אונז נייע טעג; אַז דאָס, וואָס ס'איז ביז איצט געווען, האָט זיך געענדיקט; מען האָט אָפּגענייט — און שוין. פון איצט אָן וועט שוין אַלץ זיין אַנדערש, אַזוי האָבן די פאַסן אַלע גערוישט און געווימעלט, און מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך ארומגעטראָגן:

— „זיי וועלן פאַרפוילט ווערן אין די טורמעס!“

— „מיר האָבן קיין מורא ניט! ערגער, ווי ביז איצט, קאָן שוין נישט זיין“.

— „אין פּעטערבורג איז שוין דאָ אַ געזעץ צו אַרבעטן ניט מער ווי 12 שעה אַ טאָג!“

שפּעט באַנאַכט מיין חבר'טע קלאַפּט אָן טיר.

— „אסתר, אַזוי שפּעט באַנאַכט, האָסט גאָר קיין מורא ניט?“

דער טאַטע האָט איר געהייסן גיין פון שטוב. ער דאַרף ניט האָבן קיין סטאַטשניקעס, וואָס זאָלן אים פאַרשווארצן דאָס פּנים. אסתר איז אַביסל צעטראָגן, נאָר באַלד לעבט זי אויף:

— „זאָג, וועט מען טאַקע אַרבעטן נאָר פון 8 ביז 8? און דער גאַנצער אָוונט — אַ־האַ ווי גוט!“

זי צעטאַנצט זיך איבער'ן שטוב; אירע שווערע צעפּ זענען פאַנאַנדערגענומען און דער פולער פּנים מיט די רויטע באַקן זע־נען נאָך מער פאַרפלאַמט איצט פון פרייד.

די גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקאָנט איינשלאָפן און גע־טראַכט נאָר וועגן די פאַסירונגען פון דעם טאָג. איך האָב גע־פּרוּווט מאַכן אַ צוזאַמענבונד צווישן דעם איצטיקן סטרייק און יענע מענטשן, וואָס איך האָב דעמאָלט געזען אין וואַלד. איך האָב

מיך דערמאָנט אָן הערשל'ס רייד, ווי ער האָט זיך געהיצט, גייענ־
דיק מיט מיר איינמאָל פון דער ארבעט:

— „מיר זענען אָפּגעצאַמט פון דער גאנצער וועלט מיט אַ הויכער וואנט: מיר לעבן דאָ אין אומוויסנקייט און פינצטערניש, און דאָרט אין די גרויסע שטעט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ באַוואגעונג פאַר אַ נייעם לעבן".

איצט האָט זיך מיר מיט אַנ'אמת געדאכט, ווי מיר גייען אריבער דעם צאַם און לאָזן זיך אַלע ארויס אין וועג צו אַ לאַנד, וואו עס איז פאַראַן אָט־דער נייער לעבן,—ווי אמאָל די אידן, וואָס האָבן געוואָנדערט דורכ'ן מדבר צו זייער אייגן לאַנד.

אָבער ווער וועט זיין אונזער פירער? צי איז דאָס לויט דעם ווילן פון גאָט? ס'האָט מיך ארומגעכאַפּט אַ שרעק, ווען איך האָב מיך דערמאָנט, ווי אזוי די דאָזיקע מענטשן ווילן עס ניט וויסן פון גאָט. און וואָס האָבן זיי אָזוינס פארטראכט? אז אַלץ, וואָס זיי טוען, איז מיט אַ באַזונדערן מיין; דאָס זעט מען פון דעם, ווי אזוי זיי ריידן, ווי אזוי זיי זינגען זייערע לידער און אפילו פון דריקן זיך די הענט.

צום סוף בין איך מיד געוואָרן פון טראכטן. ארום האָט זיך געפילט אַ פאַרטאָגיקע שטילקייט. אסתר איז געלעגן לעבן מיר און האָט רעגלמעסיק און שטיל געאָטעמט; אָף איר שלאָפנדיקן פנים האָט נאָך אַלץ גערוט איר צופרידענער שמייכל.

*
**

5טן אַפּריל

די פרייטיק־צו־נאכטיקע קרייזלאך! וואָס־פאַר־אַ וואונדערלאכע מינוטן! מיר קומען זיך אויף צו הערשלען אין צימערל אַ גרופּע פון אויסגעקליבענע, פארטרויטע מענטשן. די לאָדנס זענען פארמאכט. עס ברענט אַ קליין לעמפּל. מיר פּאַקן אָן דעם צימער צו צוויי אָף אַ שטול, און די איבעריקע אָפּ'ן בעטל. אזא ליבע חבר'שע באַציאונג פון איינעם צום אַנדערן. פון אונטער'ן

ווענטל פייפט און כראַפּעט אַ כאָר פון עטלאַכע נעזער, וואָס באַ־לאַנגען געווים צו די באַלעבאַטים פון הערשל'ס צימער. מיר שמיקן זיך שטילערהייט פון געלעכטער. נאָר אָט האָט שוין הערשל אויפגעשלאָסן זיין קעסטעלע און ארויסגענומען פון דאָרט אַ גראָב ביכעלע, איינגעבונדן אין שווארצע סאראַטענע טאָוולען. און מיר ווערן שטיל. הערשל איז ערנסט, זיין בלייכער פּנים מיט די שווארצע האָר ארומגעזוימט מאַכט אים אויסזען ווי אַ רב. מיר זענען די תּלמידים, און די תּורה, וואָס מיר לערנען, איז געגליכן צו אַ פרישן קוואַל וואַסער פאַר איינעם, וואָס האָט יאָרנלאַנג גע־וואַנדערט איבער'ן מדבר.

די וועלט איז פול מיט וואונדער און מיר קאָנען עס זען מיט אונזערע אויגן, ווי אַזוי עס גייט אויף אַלע טאָג די זון און פאַר־וואָס עס גייט אַ רעגן. אַלץ דערקלערט זיך מיט אַ שכל און אַלץ פירט זיך נאָך געוויסע כּללים. און אַזוי איז אויך וועגן די מענטשן — פאַרוואָס עס איז פאַראַן אַזוי פיל שלעכטס אַף דער וועלט, און ווי אַזוי מען קאָן מאַכן, אַז אַלע מענטשן זאָלן לעבן ברידער־לאַך און אין שלום צווישן זיך.

בשעת מיר זיצן אַזוי און לערנען דאָס אַלץ, דוכט זיך מיר, אַז מיר אַלע ווערן איצט אַף־דאָס־ניי געבאָרן און גאָט אַליין שטייט און וואַכט איבער אונז.

און איך פיל אַ נייעם כּוח וואַקסן אין מיר. און עס ווילט זיך מיר עפּעס אָנהויבן צו באַוועגן זיך שנעלער און עפּעס צו טאָן. און אַז איך זע די מענטשן אין גאַס שטעל איך זיך אָפּ און איך קוק זיך איין ווי זיי לעבן. אונמיר ווילט זיך זיי ארומנעמען, ריידן צו זיי און דערציילן אַזוי פיל זאַכן, וואָס, מיר דוכט זיך, זיי ווייסן נאָך ניט.

3טן יולי

אַלץ האָט זיך אויפגעדעקט. באַ אונז אין שטוב קערט זיך איצט וועלטן. די מומע איז אַזוי צעטראָגן, זי גייט אַרום איבער'ן שטוב און ברעכט מיט די הענט און רעדט:

— „אַז נאָר אַ קליפּה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם מיידל".

און מיין טאַטע, וואָ רעדט שטענדיק צו מיר מיט גוטסקייט און ליבשאַפט, האָט זיך איצט אַזוי געבייזערט, אַז איך האָב אים גאָר ניט דערקענט.

— „איר שנעקעס!" — האָט ער געשריען — איר ווייסט אַנטקעגן וועמעס איר גייט?" און מיט ציטערן און מיט געאָגראַ־פיע האָט ער גענומען באַווייזן, ווי גרויס און ווי מעכטיק עס איז די רוסישע מדינה. ווי אַ לערער, וואָס ווייסט גוט די זאַך, האָט ער איצט איבער מיר טריאומפירט, און איך בין געווען שטאַרק פאַרלוירן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב געפילט אַזאַ ווייטיק, זעענדיק מיין טאַטן אַזוי ליידן דורך מיר, און געזוכט אים עפּעס צו זאָגן. אין דער מינוט האָב איך געטראַכט, אַז צווישן מיר און מיין טאַטן איז עפּעס געבליבן ניט דערקלערט, און ס'וועט אפשר קיינמאָל ניט דערקלערט ווערן, און מיר איי זייער טרויעריק געוואָרן.

איצט גייט צו צווישן מיר און מיין טאַטן אַ שטיל־שווייגע־ניש. אַ שווערע מאַסע דריקט אַף מיין געמיט. אין זיינע נערווע־זע באַוועגונגען פון דער לעצטער צייט און די קורצע, אָפּגעהאַקטע שמועסן אין שטוב, ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ באַשולדיקונג געגן מיר. אין די שטונדן, ווען דער טאַטע לערנט מיט די שילער אין דער היים, הער איך זיך איין צו זיין שטים; מיר דוכט זיך, אַז דער טאַטע לערנט איצט מיט אַ פאַרשטאַרקטן כוח, ווי ער וואָלט גע־וואָרנט זיינע שילער ניט אַוועקצוגיין אין אַ פאַלשן וועג.

כּאַרקאָוו, דעם 7טן אויגוסט.

ס'איז געווען מיין פאָטער'ס פאַרלאַנג איך זאָל פאָרן אהער צו מיין שוועסטער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין כּאַרקאָוו. דער פּלאַן איז געווען אָפּצורייסן מיך מיטאַמאָל פון מיינע פריינט, כּדי זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ די „שעדלאַכע געדאַנקען".

וועט עס אָבער העלפן? די נייע געדאַנקען, וואָס זענען אָנגעקומען אויף מיר, זענען מעכטיקער פון מיר אַליין, איך וועל זיי מער ניט בייקומען. זיי זענען איצט געוואָרן דער אינהאַלט, מיט וואָס איך לעב.

וועל איך דאָ טרעפן אונזערע חברים? ווי אַזוי טרעט מען צו צו זיי? דערווייל בין איך איינע אַליין. מיין שוועסטער טאָר ניט וויסן פון וואָס איך טראַכט, זיי זענען אַלע אַזוי גוט צו מיר.

מיר גייען איבער די רוסישקע גאַסן, איך און מיין ליבנסוויר־דיקער שוואָגער, וועלכער פירט מיך צו באַווייזן די שיינקייטן פון דער שטאָט כּאַרקאָוו. מיין שוואָגער שיינט מיט אַ פּנים פון אַ זעלבסטצופרידענעם סוחר, וואָס האָט „פּראָוועס". ער טראָגט אַ גאָלדן קייטל איבער דער גאַנצער ברייט פון וועסטל, און מאַכט שטאַרק מיט די הענט באַם ריידן:

— „איך האָב דאָ פאַר קיינעם קיין מורא ניט" — נאָר באַלד כאַפּט ער זיך און פאַרבאַהאַלט די הענט אין די קעשענעס. — „זיי לאַכן דאָ, אַז זיי דערקענען אַ אידן".

די באַלעבעטע גאַסן, די רחבות'דיקייט, וואָס ליגט אויסגע־שפּרייט ארום, אַ גאַנצע אילומינאַציע פון טויזנטער לעמפּלאַך, וואָס בלענדט אַזש די אויגן. דאָס אַלץ מאַכט מיך פילן ווי פאַר־כּשופ'ט.

מיר קומען צו דער הויפּט־גאַס. איך זע גאַנצע מחנות פון דער שטודירנדיקער יוגנט אין זייערע מונדירן מיט די בליש־צענדיקע קנעפּלאַך. זיי שטעלן זיך אין גרופּעס, ריידן היציק, פון זיי וויעט מיט עפּעס פרישס, אָנזאָגנדיקס, און עס ווערט פון זיי איינג אין גאַס. אַ אומקלאָרער געדאַנק זאָגט מיר, אַז זיי האָבן אַ

שייכות מיט אונזער באוועגונג; געווים זענען דאָ צווישן זיי חברים, אונזעריקע. איך עס זיך איין מיט די אויגן אין יעדענס געזיכט, כדי פון דאָרט עפּעס ארויסלייענען. נאָר מיין שוואָגער הויבט אָן ווערן אומרואיק. אַ פּאָליציייסקער באַווייזט זיך: „פּאַזשאַלויסטאַ ראַס־כאָדיטעס!" נאָר קיינער רירט זיך ניט פון אָרט.

„די סטודענטן בונטעווען זיך" — דערמאָנט זיך מיר אַ פראַזע, דאָ ניט לאַנג געהערט, און איך פיל ווי אַ ווארימע כוואַליע הויבט זיך איבער מיין קערפּער. די כוואַליע שטייגט אַלץ העכער און העכער און אַך טינק זיך אין איר אין אַ זעלבסט־פאַר־געסנקייט. איך זע אונזער אידעאַל ווי אַ גרויסער ברענענדיקער פלאַם, וואָס צעוואָרפט פונקען ארום זיך, די פונקען צעשפּרייטן זיך ווייט ארום, פאַלן אריין אין די הערצער פון די מענטשן און צינדן זיך דאָרטן אָן.

***

די זונטיק־שול איז פאַר מיר אַ גרויסע פרייד. יעדעס מאָל גרייט איך זיך צו דעם טאָג ווי צו אַ קומענדיקן יום־טוב.

דאָרט זענען גרויסע ליכטיקע צימערן. די שילער—ארבע־טער־מיידלאך, מיט זייערע אָפנהאַרציקע קלאָרע בליקן און פשוט'ן אָנטאָן. זיי פילן אָן די צימערן מיט געררויש און לעבנסלוסטיקייט. איך פיל זיך דערהויבן צווישן זיי. און די אַטמאָספערע פון בי־כער און פון לערנען איז ווי אַ צוגרייטונג צו דער קומענדיקער גרויסער אַרבעט, וואָס מיר שטייט פאַר אין דער צוקונפט. עס איז ווי אַ פאָרטזעצונג פון אונזער קרייזל אין דער היים בא הערשל דעם ביאַליסטאָקער.

אָט איז איינע פון אונזערע לערערינס—סאָפיע ניקאָלאַיעוונאַ, מיט איר צניעות'דיקן אויסזען און מיט די איינפאַך־פאַרקעמטע האָר. איר באַנעמען זיך צו אונז איז אַזאַ האַרציקע. איך נעם איר אָן אין געדאַנק פאַר אַן אונזעריקע, פאַר אַ חבר. צו די גע־וויינלאַכע געגנשטאַנדן, וואָס מיר לערנען — ליטעראַטור, צי נאַ־

טור־ווימנשאפט — גיט זי צו עפעס א העכערן זין, עפעס אזוינס וואס קומט פון איר אייגענער נשמה.

דא ווילט זיך זיין איבערגעגעבן, לערנען און פארשטיין. עס איז א באזונדער געפיל, וואס שאפט אונז איבער אין אנדערע, בע־סערע מענטשן.

***

19טן יאנ.

פון איצט אן באלאנג איך שוין צו דער רעוואלוציאנערער פארטיי. די דאזיקע ווערטער מיינען פאר מיר זייער פיל. איך בין אריבער אין א וועלט, וואו מענטשן זענען איבערגעגעבן צו די אידעאלן פון גערעכטיקייט, פאר וועלכע זיי זענען גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן.

ווי קליין און נישטיק עס זענען אלע איבעריקע אינטערעסן אין פארגלייך מיט אונזער זאך.

און צוגעגאנגען איז עס פשוט: אידע ראזען — א שילערין פון זונטיק־שול — האט שוין באלאנגט צו דער פארטיי. אט־די אידע, מיט אירע ערנסטע אידישע אויגן און גאוה'דיקן טראט, זי האט א לאנגע צייט אין מיר ניט געגלויבט און מורא געהאט זיך אף מיר צו פארטרויען.

— „צו ווייסטו, ווי אזוי די רעגירונג פארפאלגט די רעוואלו־ציאנערן?“ — האט זי צו מיר שטריינג גערעדט — „דיר שטייט פאר צו ליידן אין די טורמעס און פארשיקט צו ווערן“. איך האב איר גאר ניט געענטפערט, נאר אין מיין בליק האט זי געזען, ווי אזוי איך בין גרייט מיט אלע חושים זיך איבערצוגעבן צו אונ־זער זאך.

ביז אמאל אין אוונט האט מיך אידע גענומען צו א קרייזל אין א קאנספיראטיווער קווארטיר. זי האט נאר געזאגט איין ווארט: „אן אונזעריקע“. די חברים האבן מיך אויפגענומען מיט א ברויטער פארטרויליכקייט, וואס איך זע דא אין דער נאטור פון די רוסישע מענטשן. איך האב שוין געוואוסט, אז מען דארף זיין

קאָנספּיראַטיוו. איך האָב ניט געפרעגט, וואו זענען די איבערי־קע חברים און ווי גרויס איז זייער צאָל. און איך האָב מיך באַלד אין קרייזל דערפילט אַזוי, ווי פּונקט איך וואָלט זיך שוין געקענט מיט זיי פון לאַנג.

***

מיר לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געשיכטע. עס גייען דורך פאַר מיינע אויגן בילדער פון דער אַלטער וועלט. ווי מענטשן האָבן עס געלעבט. עס איז אַ וועלט פּאַרזונקען אין ווילדקייטן. באַרבאַרישע מלחמות און שקלאַפעריי. און אָט איז גריכנלאַנד מיט איר רייכער, ראַפינירטער קולטור, ווי אַן איינזאַמער אינזל אַפ'ן ים: די פרייע שטעט, די פילאָזאָפישע שולן, גרויסע דיי־קער און געלערנטע. זיי פירן דיספּוטן צווישן זיך וועגן הויכע ענינים און לעבן אַ רייכן גייסטיקן לעבן.

רוים איז אויפגעשטאַנען. דאָס גרויסע רוים, אַ קריגערישע און אַ שטאָלצע, איינצונעמען די גאַנצע וועלט. שכור פון נצחונות, פאַרזונקען אין לוקסוס און לוסט צו אונטערדריקונג, ווערט רוים פאַרשווענדעריש, צעלאָזן, ביז זי גייט אונטער אין איר אייגענעם כאָאָס פון צעפאַלנקייט.

אַף די חורבות פון רוים הויבט זיך אויף אַ נייער גייסט,— קריסטנטום, אַ גייסט פון פאַרגעבונג און ליבשאַפט טראָגט זיך דורך איבער דער דעמאָלדיקער וועלט. אָבער ניין, זיין צייט איז נאָך ניט געקומען, זיין לערע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג, וואָס נוצט איינציקע בייזוויליקע מענטשן.

מיטלאַלטער, אַ פינצטערע צייט. נייע שקלאַפעריי, פאַרפאָל־גונגען, בלוט־פאַרגיסונגען אין נאָמען פון גוטן גאָט; אַבערגלויבן, די מוחות זענען פון פינצטערן גלויבן פאַרצויגן ווי מיט אַ שפּינ־וועבס, און קיין שום ליכטיקער געדאַנק זעט זיך ניט פון ערגעץ. מיטאַמאָל אַ טומל, אַ רעש: דער קאַפּיטאַליזם טראָגט זיך אַף דער וועלט. ס'איז אַ מהומה, אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, באַנקען, אי־

בערפּראָדוקציע, און פּרייהייטן אויך, מיט אַן אייגנאַרטיקער שקלאַפעריי. און צווישן דעם געמיש פון די אַלע קעגנזעצלאַכע כוחות צייכענען זיך שוין די קאָנטורן פון אַ נייער געשטאַלט — דער ארבעטער־קלאַס.

מיר גייען דורך די פּעריאָדן פון דער מענטשלאַכער געשיכטע מיט באַוואונדערונג. יעדער קאַפּיטל איז אַ נייע אַנטדעקונג. ביז איך זע קלאָר פאר זיך אַלע געשעענישן. איך פיל דעם אָטעם פון דער געשיכטע, די אייביקע אומבייטונג פון כחות, איינס קומט אַרויס פון צווייטן. די געשעענישן האָבן אורזאכן און פּאַסן זיך אַריין איינע אין דער אַנדערער און ווערן איינס, ווי עס לייגט זיך צונויף אַ ציגל צו אַ ציגל און עס ווערט באַשאַפן אַ גאַנצער בנין. און דער בנין דאָס איז אונזער וועלט־אַנשויאונג, אַ ליכטיקע און אַ קלאָרע ווי דער טאָג.

נאָך דער לעקציע רייסן מיר אָפּ נאָך אַ פּאָר מינוטן, אין וועלכע מיר פּאַרברייינגען מיט יעפּימ׳ען, אונזער לעקטאָר. מיר רינגלען אים אַרום, מיר שטעלן אים טויזנט פראַגן, און ער, אַזאַ רואיקער און גוטמוטיקער און אַ יונגער אַזאַ, כאַטש ער האָט פאַרלאָזן אַ גרויסע באָרד. שטייט ער פאר אונז מיט די הענט אין די קעשענעס, די טוזשורקע אָפן, און באַטראַכט אונז מיט ליבשאַפט. יעדע פראַגע איז פאר אים אַ נייע טעמע צום רעדן. ווי געלערנט ער איז! זיין וויסן איז גאָר אָן אַ גרונט. איך טראַכט, אַז אויב מיר וואָלטן האָבן נאָך עטלאַכע אַזעלכע מענטשן, וואָלט מען שוין געקענט אָנהויבן מאַכן די רעוואָלוציע.

4טן סעפּ.

כ׳האָב זיי געזען די פּראָלעטאַריער. אָט־די, וואָס נאָך אין דער היים, באַ הערשל ביאַליסטאָקער אין קליין צימערל האָבן מיר פון זיי געחלומ׳ט. הערשל פלעגט אַרויסריידן געהיימניספול: „די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין די גרויסע שטעט", איך פלעג פאַר־מאַכן די אויגן און זיך פאָרשטעלן ווי מחנות העלדישע רייטער באַוואָפנט מיט שווערדן קומען אָן אַף דער וועלט, כדי אויסצולייזן איר פון שלעכטס און איינפירן יושר און גערעכטיקייט.

איצט שטיי איך דאָ אין אַ זייטיקער גאַס באַ אַ טויער פון אַ גרויסער פאַבריק, מיט פּראָקלאַמאַציעס אין האַנט; אָט צע־נעמט זיך דער טויער אַף צוויי העלפטן און עס הויבן אָן שטראָ־מען לעבעדיקע כוואַליעס פון אַרבעטער, אין בלויע בלוזעס מיט אויסגעשמירטע הענט. מיט וואָס פאַרא קראַפט עס ווייעט פון זייערע באַוועגונגען. דער געשפּיל פון די מוסקולן צייכנט זיך אין די קנייטשן פון זייערע בלוזעס; זיי גייען מיט פלינקער באַוועגונג און זיכערן טראָט, און איך זאַפּ איין אין זיך דעם האַרמאָנישן ריטם פון זייער גאַנג. איך גיי זיי אַנטקעגן מיט פּראָקלאַמאַציעס אין האַנט:

„טשיטאַיטע, טאָוואַרישטש", מיין האַרץ קלאַפּט פון פרייד. איך זע זיך צונויפגעמישט אין דער גרויסער מאַסע. די ווייסע בלעטלאַך ווערן פאַרשלונגען פון אומ־צייליקע הענט. נאָר באַלד גיט אימיצער אַ צייכן פון געפאַר: אַ שפּיאָנישע אויג לויערט שוין אַרום. איך דריי זיך פלינק אַרויס און אין אַ מינוט אַרום, פירט מיך שוין דער איזוואָשטשיק דורך די באַלעבאַטע גאַסן צו מיר אַהיים.

דייבאוו

יעפים פרעגט בא מיר:

„פארוואס זענען דאס די אידישע מיידלאך אזוי באַ־שיידן, און פארוואס האט איר אין אָנהויב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט מיר צו דער וועטשערינקע?"

איך ענטפער ניט דרייסט, אז נאָך מיין מיינונג איז איצט ניט די צייט פאר אונז צו פארנעמען זיך מיט אנדערע זאכן, זייטיקע, איצט ווען עס איז דאָ אזויפיל ארבעט אין דער באַ־וועגונג. יעדער קעמפער דאַרף זען אויסארבעטן פון זיך א שטארקן מענטשן, אָן שום זייטיקע פארלאנגען, נאָר שטענדיק גיין צו איין ציל, צו דערגרייכן דעם אידעאל, וואָס איז אונז אלעמען טייער.

מער קען איך איצט גאָר ניט זאָגן, כאָטש איך ווייס בא מיר אין געדאנק איז אויסגעארבעט א קלאָרער באַ־גריף, ווי אזוי עס דאַרף זיך פירן א רעוואָלוציאָנער, א קעמפער פאר פרייהייט.

ס'איז בא מיר איצט אינגאנצן ניטאָ קיין פארלאנג צו ריידן. יעפים גייט בא מיין זייט. ער איז העכער פון מיר מיט א האלבן ארשין און די פוטערנע פאפאכע איז אים אראָפּ־גערוקט ביז די אויגן. פון צייט צו צייט הויב איך אויף מיין קאָפּ צו אים, כדי צו ענטפערן אַף זיין בליק און ס'גיט זיך מיר איבער די פרייד, וואָס עס שטראָמט היינט פון זיינע אויגן ארויס, און מיר לאכן ביידע פון דעם, וואָס היינט קענען מיר עפּעס ניט זיין ערנסט.

מיר גייען דורך שטילע, שוואך־באלויכטענע גאסן פון די ארבעטער־קווארטאלן, צו דעם חבר ניקאָלאַי'ס וואוינונג. אלע זענען שוין פארזאמלט. ס'איז א היימלאכער צימערל, אַף די ווענט פּאָרטרעטן פון נעקראסאָוו, ביעלינסקי און פון נאָך באַ־ליבטע שרייבער; די עטאזשערקע פול אָנגעשטעלט מיט ביכער. אַף דעם דיוואן האבן זיך איינגעאָרדנט א גרופּע חברים, זיי רויכערן און זענען צעהיצט אין א דיסקוסיע איבער עפּעס א פראגע. די מיידלאך חנ'עווריקע, מיט ווייסע געפרעסטע קאָל־

נערלאַך, גרייטן צו די וועטשערע. ניקאָלאַי איז אַ ריז מיט ברייטע פּלייצעס. עס דוכט זיך, אַז אַט־באַלד וועט ער צעשפּאַרן די ווענט פון צימערל. זיין האַנט־דרוק וועסטו האָבן צו געדיינ־קען און זיין ברייטער אָפענער שמייכל בעת פאַרגעבונג פאַר זיין מגושמ'דיקייט.

די דיסקוסיע אָפּן דיוואַן איז אין פולן ברען. יעפּים איז אריינגעצויגן. אַ געפעכט פון געדאַנקען און מיינונגען:

„די לאַגע אין לאַנד איז ערנסט, די רעגירונג ווערט אַלץ וויל־דער אין אירע פאַרפאַלגונגען. ווי האַלט עס מיט דער מאַסע? די מאַסע האָט ניט קיין אויסגעהאַלטענע פּרינציפּן. היינט איז זי אונ־טער איין ווירקונג, מאָרגן אונטער אַן אַנדער, און נאָר אַ קערנדל, אַ גרופּע פון איינציקע, גוט־אָרגאַניזירטע טוער איז נויטיק צו אָנ־פירן מיט דער מאַסע אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף".

„ניין, ניין, די מאַסע ווערט באַוואוסטזיניקער פון טאָג צו טאָג. דאָס באַווייזן די לעצטע דעמאָנסטראַציעס און די סטרייקס. נאָר אַ ברייטערע אַגיטאַציע פאַר אונזערע לאָזונגען, אַן ארבעט, וואָס זאָל ארומנעמען וואָס ברייטערע מאַסן. דער ארבעטער דאַרף נעמען די זאַך אין זיינע אייגענע הענט".

איך הער זיך איין צו די געשפּרעכן מיט התלהבות. עס איז ווי איינער, וואָס האָט הנאה פון אַ טייערן געטראַנק, און קען זיך ניט אָנטרינקען צו־זאַט. די מאַסע איז איצט פאַר מיר ווידער עפּעס אַ געהיימניספולע קראַפט, אַ ספינקס, וואָס אירע וועגן זענען נאָך ניט אויסגעפאָרשט.

די וועטשערע איז פאַרטיק. טיי, איינגעמאַכץ, וואורשט, וייסע בולקע. באַם טיש איז אַ דערהויבענע שטימונג. חבר'טע ווערא, אַ בלאָנדע, איידעלע באַשעפעניש, שוועבט ארום טיש, ווי אַ ליכטיקער חלום, ווי אַ מעשה'לע.

„אפשר ווילט איר נאָך טיי"? — אירע דורכזיכטיקע הענט־לאַך זענען אויסגעשטעלט גרייט צו טאָן יעדע ארבעט. דער געשפּרעך הערט אויף, מאָטיוון פון רעוואָלוציאָנערע לידער פאַר־

אייניקן אונז אַלעמען אין איין כאָר. מען זינגט מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים, כדי ניט אַרויסצורופן קיין חשד אין גאַס.
עס איז האַלבע נאַכט. עס ציטערט נאָך דער לעצטער אַקאָרד פון ליד אין דער לופט. אַלע שטייען שוין אין די מאַנטלען, נאָר עס ווילט זיך נאָך ניט פאַנאַנדערגיין. ביז מען דערמאָנט זיך אין די פאָרשטייענדיקע וויטערדיקע אַרבעטן.

7טן פעב.

איך בין אָנפאַרטרויט צו וואוינען אין אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, וואָס איז פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. איך טאָר זיך ניט זען מיט קיין סך מענטשן, און מיינע נאָנטסטע פריינט אַז איך באַגעגן אין גאַס, רייד איך ניט מיט זיי און איך קען זיי גאָרניט. אַזוי פאָדערט פון מיר די קאָנספּיראַציע. קיינער טאָר ניט וויסן וואו איך וואוין, אויסער די מענטשן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די וויכטיקע ענינים, וואָס דאָ ווערט אויפגעטאָן בא מיר אין צימער.

ווי לאַנג כ'האָב שוין ניט געזען יעפּימ'ען! איז ער אַרעס־טירט? איך פיל אַ באַזונדערן שטאָלץ אין מיין איצטיקער וויכ־טיקער שליחות. דאָ, אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשן קאָן איך זיך פאַרטיפן אין מיינע אייגענע געדאַנקען און אָפּ־זאָגן זיך פון אַלץ, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו דער באַוועגונג. ווי איך האָב געלייענט אַמאָל וועגן איינעם אַ פרומען מאַן, וואָס האָט זיך דערווייטערט אין מדבר, כדי נאָך מיט מער איבערגעבנקייט צו קענען דינען גאָט.

ס'איז געשען. זיי האָבן מיך געכאַפּט אין מיטן גאַס, אין דער מינוט, ווען איך האָב איבערגעגעבן אַ פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַטור צו אונזערן אַ חבר. ס'איז צו זען, אַז זיי האָבן שוין געהאַט אַף מיר אַן אויג פון לאַנג. עפּעס אַ הויכער פּאַרשוין, מיט אַ היטל אַראָפּגערוקט אַף די אויגן, איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיט חוצפּה אריינגעקוקט מיר אין פּנים אריין. אַף זיין פּייף זענען אָנגעלאָפן שפּיאָנען און פּאָליציאַנטן. מען האָט אונז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. דאָס פּעקל ליטעראַטור האָבן זיי צוגענומען, און עס איבערגעגעבן פון איינעם צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן געשראָקן זיך דאָס צו האַלטן אין האַנט. מען האָט מיך צעשיידט מיט מיין חבר, אַוועקגעזעצט אין אַ דראָזשקע מיט אַ שפּיאָן באַ דער זייט און געהייסן פאָרן צו „גאַטשאַלסטוואָ“.

און שוין. עס איז געווען באַ מיר דער געפיל, ווי עפּעס האָט זיך געענדיקט. איצט האָב איך געעפנט אַ ניי בלאַט אין אַ בוך, וואָס כ'האָב נאָך ניט געלייענט. און אַזויפיל געדאַנקען האָבן זיך גענומען מישן אין קאָפּ, אַז איך האָב גאָר ניט געקאָנט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיי. אינווייניק אין מיר האָט זיך עפּעס געטאָן. עס איז אָנגעגאַנגען אַן איילנדיקע אַרבעט. אַ נייער ווילן האָט זיך דאָרט געשמידט און איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. און אַ פּראָטעסט, אָדער ניין, אַ האַס צו אונזערע קעגנער, צו די רעגירנדיקע לייט האָב איך דערפילט, אַזאַ האַס, וואָס האָט זיך אַזש געגרעניצט מיט עקל. און איך האָב נאָך ביז איצט קיינעם ניט געהאַסט; דאָס איז געווען אַ ניי געפיל און ס'האָט געהאַט אַזאַ ביטערן טעם, דער טעם איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן קערפּער, און יעדער אבר האָט מיט דעם געאָטעמט.

מיר פאָרן זייער לאַנג — איך און דער שפּיאָן — דורך ווייטע פאַרוואָרפענע גאַסן. עס איז אָנהויב אָוונט. אַ פרישער פרילינג־ווינטל וויגט זיך אין דער לופט. אַרום אַפּן וועג איז שטיל, נאָר פון דערווייטנס דערטראָגן זיך מונטערע קול'בלאָך פון קינדער, וואָס שפּילן זיך בּאַ אַ דערבייאיקן טייכל. דאָס טייכל איז שטראָמיק. די קינדער לאָזן אַוועק איבער אים זייערע שפּענדלאַך־שיפן דער שטראָם כאַפּט זיי אויף און טראָגט זיי אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט. די קינדער פּאַטשען מיט די הענט פאַר פרייד, און לאָזן אַוועק אַלץ נייע און נייע שיפן.

אָט פאָרן מיר פאַרביי אַ פעלד, פריש צעאַקערט. עס שמעקט מיט רוי ערד. „פונקט ווי בּאַ אונז אין דער היים“ — בּליצט דורך אַ געדאַנק. „דער גרינער וועג“, דער טאַטע... אַך, שוין אַזוי לאַנג אים ניט געשריבּן. ווער ווייסט וואָס ער טראַכט דאָרט איבּער. אַף־אַ־ווײַלע דערשיינט פאַר מיר אונזער שטוב, מיט די באַקאַנטע ליבּע ווינקעלאַך. מיין טאַטנס געשטאַלט, אַ בּלאַסער אויסגעמאַטערטער פּנים און אויגן פול מיט פאָרוואורף. און די מומע שטייט איינגעבויגן איבּערן סידור און דאַוונט און דאַוונט.

אין פּאָליציי־צירקל איז די אַרבּעט אין פולן גאַנג. די בּאַ־אַמטע אין זייערע אויסגעגלעטע גרינע מונדירן, מיט טעמפּע בּליקן, וואָס זאָגן — „איך ווייס גאָר ניט, נאַטשאַלסטוואָ הייסט“ — לויפן אַרום מיט פּאַפּירן אין די הענט, פון איין טיש צום אַנ־דערן, און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי טוען זייער אַ וויכטיקע אַרבּעט. דער נאַטשאַלניק זיצט בּאַ זיין טיש, פאַרלייגט אַ פוס אַף אַ פוס. זיינע לאַקירטע שטיוועלאַך מיט די אויסגעמאַסטענע קנייטשן אַף זיי מאַכן אַן איינדרוק. זיין קאָפּ האָט די פאָרם פון אַ היטל צוקער. ער הויבּט זיך אָן אויבן שמאָל מיט אַ שפּיץ און ענדיקט זיך אונטן בּרייט מיט אַ פּעטע, פּליישיקע מאָרדע און דער האַלז פון אונטער דער מאָרדע איז צונויפגעקוועטשט אין אַ האַרטן, ווייסן קאָלנער.

ער האָט מיך דערזען. דער שפּיאָן האָט מיך צוגעטראָגן

צו אים, אזוי ווי מען טראָגט אימיצן אונטער אַ מתנה, מיט אַ הכנעה׳דיקן שמייכעלע און זיך בויגנדיק נידעריק.

— „וואשע בלאַגאַראָדיע!“

איך האָב אָפּגעמאַכט בײַ זיך: איך זאָל גאָר ניט ריידן און קיין זאַך ניט ענטפערן אויף די פראַגעס, כדי זיך ניט ארויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט.

— „ווער אַז געווען דער יונגערמאַן, וואָס מען האָט אייך געטראָפן מיט אים אין גאַס?“ — האָט געדונערט דער נאַטשאַלניק און זיין האַלז איז רויט געוואָרן און האָט זיך אָנגעבלאָזן. איך האָב געשוויגן, מיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדעט צו דעם דאָזיקן האַלז זיינעם, ווייל ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־באַלד וועט פּלאַצן דער ווייסער קראַכמאַלענער קאָלנער.

דער נאַטשאַלניק האָט זיך געזאָטן אין זיין כעס. עס איז אויסגעקומען, אַז כאָטש איך בין אין זיינע הענט, אָבער צו מיינע געדאַנקען האָט ער קיין שליטה ניט.

— „איך פרעג אייך צום לעצטן מאָל: וואו האָט איר גענומען די ביכער, וואָס מען האָט בײַ אייך געפונען?“

שווייג איך און ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן.

— „אַדינאַטשנע זאַקליוטשעניע!“ — האָט ער באַפוילן און איז געבליבן זיצן אַ פאַרמאַטערטער אין זיין שטול.

אין טורמע איז טויט־שטיל. מען פירט מיך דורך לאַנגע האַלב־פינסטערע קאָרידאָרן. דער וועכטער איז אַ שווייגנדיקער און קוקט די גאַנצע צייט אין דער הויך צום באַלקן, כדי אויסצומיידן מיין בליק. אָט נעמט ער זיך צום בינטל שליסלען, שליסט אויף אַ צימערל און הייסט מיר אַריינגיין. ער ציינדט דאָרט אָן אַ לעמפּל, אַן איינגעדראָטעוועטן, שליסט אָפּ אַ בעטל פון וואַנט און גייט זיך אַרויס מיט גנב׳ישע טריט און פאַרשליסט די טיר. אין אַ ווײַלע אַרום — די טיר עפנט זיך ווידער, עפּעס אַ פרוי — אַ פינסטערע געשטאַלט — דאַרף מיך

באזוכן. זי מעסט מיך אוים מיט אירע ביינערדיקע הענט, קערט איבער אלע קעשענעס און פארשווינדט.

נו, גוט. איצט דארף מען שלאפן. דער וועכטער גייט אלץ ארום איבערן קארידאר הין און צוריק און פון צייט צו צייט פארקוקט ער מיט איין אויג צו מיר אין צימער דורכן קייל־אב־דיקן לעכל אין טיר. זיינע ווייכע טריט ווירקן, ווי עס וואלט זיך צוגערירט צו דיר עפעס א קאלטע, גליטשיקע באשעפעניש.

***

זעקס אזייגער אין דער פרי. אין קארידאר איז א מהומה: אימיצער לויפט הין און צוריק און שליסלען קלינגען. מען גיט אפ באפעלן, „וואשן זיך"! „קיפיאטאק"! דער וועכטער האט אויפ־געשלאסן מיין טיר, ער דארף האבן מיין בעטל אף צושליסן עס צוריק צום וואנט.

א שטיינערנע פאדלאגע, אן אייזערנער שטול און א ביינקל צוגעשמידט צום וואנט. דאס פענצטערל איז אף א העלפט פאר־קלאפט מיט בלעך, כדי מען זאל ניט קענען זען, וואס עס טוט זיך אפן הויף. איך גיב א קוק אף די ווענט און בלייב שטיין אין פארוואונדערונג: די ווענט זענען פול מיט אויפשריפטן פון אונזערע חברים; רעוואלוציאנערע לידער, אויסרופן, דער אלף־בית פון דער שפראך, וואס מען קלאפט דורך די ווענט; און אט איז א לוח אף צו וויסן די צייט. עס איז א גאנצע פארגאנגענהייט פון מענטשן, וואס האבן דא געלעבט ביז מיר.

פון איצט אן איז מיר מיין צימערל טייער. די ווענט זע־נען געהייליקט דורך די אויסגעקריצטע אויפשריפטן אף זיי. פאר מיין בליק טראגן זיך דורך געשטאלטן פון קעמפער, וואס האבן געליטן פאר אונזער זאך. זיי רופן צו מיר פארטצוזעצן די אנ־געהויבענע ארבעט.

ס'איז באטאג. דער וועכטער האט אויפגעשלאסן מיין קא־מערל. מען האט מיך געפירט צום שפאציר. אין טורמע־הויף, אף א שמאלע סטעזשקעלע שפאצירט מען זיך הין און צוריק, הין און צוריק—גאנצע צען מינוט איינער אליין. פון די פענצטערלאך,

פארקלאפטע מיט בלעך, שלאגט א לעבעדיקער אטעם. אט זע איך א ווייסע האנט זיך דראפנדיק ארויף צום פענסטער, פון א שפארונע בלישצעט ארוים אן אויג. דאס זענען דאך אלע אונ־זערע חברים! איך מאך א טריט צוצוגיין נענטער אהין, נאר דער סאלדאט, וואס שטייט בא זיין ביידל אומבאוועגלאך, נעמט זיך צום ביקס.

ס'איז אוונט. אימיצער האט אנגעקלאפט צו מיר. איך האב אן אויפגערודערטע זיך א לאז געטאן צום וואנט. מיט דעם אלף־בית אויפגעשריבן אף א פאפירל, בין איך געשטאנען און אויפגעכאפט די קלאנגען פון דער שפראך, ניט קענענדיק נאך גוט פארשטיין וואס מען רעדט. דאס זענען געווען די ערשטע גרוסן פון אונזעריקע. וואסיל, אן אומבאקאנטער חבר, האט צו מיר גערעדט.

איצט זענען מיר שוין נאנטע פריינט. וואסיל זאגט — „איך דריק אייך די האנט, טייערער חבר". און איך פיל זיך גליק־לאך, איך פארשטיי אלץ.

די שטומע שפראך דרינגט דורך די גראבע ווענט, טראגט גרוסן פון איינעם צום אנדערן און פארבינדט אונז נאך מער אין איין חבר'שן בונד.

***

אימיצער האט דערציילט מיין שוועסטער וועגן מיין ארעסט. איר האט זיך איינגעגעבן צו האבן מיט מיר א זעאונג. זי איז געקומען צו מיר א ציטערנדיקע, א בלאסע, קוים וואס זי האט זיך געהאלטן אף די פיס. איר אויסזען האט מיך איבערגע־שראקן.

— „וואס איז געשען?" — פרעג איך בא איר.

— „און דאס איז וויניק?" — זי וויינט אן אף מיר.

— „א", — זאג איך, און איך האב שיר ניט געהאט פאר־געסן אן דער טרויעריקער זייט פון דער זאך. מיין שוועסטער

קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט, זי געפינט אויס, אַז איך בין צופיל זאָרגלאָז.

— „דאַרפסט זיך ניט האַלטן אזוי" — זאָגט זי מיר שטי־לערהייט, — „דאָס וועט זיין ערגער פאַר דיר". —

געטרייע שוועסטער, ווי זי מוז דאָס איצט ליידן!

עס איז נאָך מיטאָג. מען שליסט די טיר. עס איז געקומען מיר באזוכן עפּעס אַ הויכער באַאמטער, מיט אַ וואזשנעם אויסזען און אַ גרויסאַרטיקן מונדיר און מיט באַקנבערד.

— „איר זעט אויס מיד, איך וועל הייסן אויפשליסן אייער בעטל יעדן נאָכמיטאָג, דריי מאָל אין וואָך. אייגנטלאַך איז עס אייער אייגענע שולד. מען וואָלט אייך שוין לאַנג באַפרייט. איר דאַרפט אונז נאָר זאָגן — ווער איז געווען דער יונגער מאַן וואָס מ'האָט אייך געטראָפן מיט אים אין גאַס".

ער רעדט דאָס אַלץ מיט אַ צוקער זיסע שטים.

נאָך זיין באַזוך קלאַפּ איך אָן צו מיין שכן.

— „איך וועל האָבן מיין בעטל 3 מאָל אַ וואָך יעדן נאָכמי־טאָג". — נאָר מיין שכן וואסילי איז אין מיר ענטוישט:

— „קיין שום חסדים דאַרפן מיר פון זיי ניט נעמען". ווא־סילי רעדט אזוי הארציק, נישט ווילנדיק שפּרייטן זיך אויס די הענט צום וואַנט ווי איך וואָלט וועלן אַרומנעמען דעם טייערן אומבאַקאַנטן חבר. און צו דער בעטל ריר איך זיך מער ניט צו.

איך האָב געהאַט אַ חבר באַ דער אַנדערער וואַנט, וואָס פלעגט אַף אַ וואונדערלאַכן אויפן האָבן פאַרבינדונגען מיט אַלע חברים פון טורמע. דורך אים פלעג איך באַקומען גרוסן פון אַלע קאַמערן. ער איז געווען אַזוי פול מיט לעבן.

איצט האָט מען אים פון דאַנען צוגענומען. אין דער פרי ווען איך בין צוגעגאַנגען צום וואַנט צו זאָגן אים מיין געוויינלאַכן „גוט מאָרגן", האָט מען פון דאָרט געענטפערט מיט עפּעס אַן אומגעלומ־פּערטער קלאַפּעריי. געוויס זיצט שוין דאָרט איצט אַ קרימינאַלער פאַרברעכער. די וואַנט איז פאַר'חושכ'ט געוואָרן און איך קוק זיך אַהין מער ניט אום.

עס איז שפעט אין אָוונט. אין קאָרידאָר איז גאָר שטיל. דער וועכטער האָט געוויס איינגעדרעמלט אַף א ווײַלע.

איך האָב געלייענט און געלייענט, איצט פאַרנעם איך זיך מיטן אויסמעסטן די לייַנג פון מיין קאַמער, מאַכנדיק קורצע, גלייכע טריט. ערגעץ פון א ווייטער קאַמער דערטראָגט זיך א שטילער דורכקלאַפן זיך דורכן וואַנט.

דער ווינט האָט געבראַכט צוטראָגן צו מיר אין צימער אגרוס פון שטאָט — א שטיקל אָפּגעריסענע מוזיק פון אן אָרקעסטער, וואָס שפּילט געוויס ערגעץ אין א שטאָטישן גאָרטן. עס וועט דאָך קומען א צייט ווען דידאָזיקע גראַבע ווענט וועלן זיך פאַרנאַנדערנעמען, און פאַר די מענטשן וועלן מער ניט עקזיסטירן קיין שום צאַמען.

*
**

די לעצטע מינוטן אין טורמע גייען אריבער ווי אין חלום. איך וואַרף א לעצטן בליק אַף די ווענט, דערנאָך אַף די פאַרשלאָסענע קאַמערן אין קאָרידאָר, און עפּעס א בייַנקשאַפט דריקט אויף מיין האַרץ. עס ווילט זיך ניט איבערלאָזן די חברים, וואָס זענען מיר אזוי טייער.

מען פירט מיך צום באַן און איך ווער איבערגעגעבן צו א באַגלייטונגס-סאָלדאַט. אידע ראַזען וואַרט באַם וואַקזאַל, זי האָט קליידער און געלט צוגעגרייט פאַר מיר. זי וואַרפט זיך מיר אַפן האַלז אין פריידיקער אויפרעגונג, און איז אזוי צערטלאַך, זי וויל נאָר וויסן צי איך בין פאַרבליבן געזונט. דער סאָלדאַט נעמט אונז פאַרנאַנדער: „גענוג!“

מיר גייען מיטן עטאַפּ „נאַ ראַדינו“ (די היים וואו איך בין געבוירן). עס ציען זיך מיטן וועג מחנות פאַרברעכער פון דער ווייטער ברייטער רוסלאַנד. פּאָליטישע, קרימינעלע קאַטאָרזשניקעס, מענטשן אָן פּאַספּאָרטן, פּראָסטיטוטקעס, פרויען מיט קינדער וואָס מען האָט געכאַפּט באַם גרענעץ, „באַסיאַקעס“, אידן אָן פּראַוועס, שכורים און האַלב-צעמישטע.

מען פאקט אונז אין באזונדערע וואגאנעס מיט די פענסטער פארצויגן מיט גראטעס, מען ציילט אונז איבער, און ווען די צאָל שטימט, לאָזט מען זיך אין וועג אריין. מיר וואנדערן פון איין שטאָט צו דער אנדערער, שטעלן זיך אָפּ יעדן מאָל אין אן אנדערער טורמע. דער מענטשלאכער מאטעריאל האלט זיך אין איין בייטן, עס קומען אָפּ און עס קומען צו נייע.

דער מין מענטש איז דאָ דערנידעריקט און באליידיקט. אין די אויגן פון די באגלייטונגס־סאלדאטן זענען מיר אלע איין פאר־שאלטענע מאסע וואָס נאָר זיי אליין האָבן איבער אונז א דעה און עס איז אין זייער ווילן צו באהאנדלען אונז גוט אָדער שלעכט.

ווארשעווער „פערעסילנע" טורמע, דער צימער וואס פאר פרויען, איז פול געפּאקט. עס איז אָנהויב אָוונט, קיין ליכט איז ניט אָנגעצונדן, די פארוואלטער ערלויבן עס ניט... ס'איז א שוואכער שיין פון דער לבנה אין צימער, זי צייכנט משונה'דיקע בילדער פון יעדער באוועגלאכער גרופּע דאָ, און דאָס צימער זעט אויס ווי אָנגעפילט מיט בייזע גייסטער. עס איז אן אומהיימלאַ־כער געמורמל. מען קערט זיך אָפּ איינע פון די אנדערע מיט אומ־צוטרוי און האס. ס'איז אונערטרעגלאך פאר אלעמען און מען צולייגט זיך שלאָפן. אף איין גרויסע „נארע ווערן אלע צונויפ־געפּרעסט איינס אין אנדערן, אזוי אז ווען איינע וויל זיך אומ־קערן אף דער אנדערער זייט, מוזן זיך שוין איבערקערן אלע איבע־ריקע.

ארום 12—1 אזייגער באנאכט זענען שוין די מערסטע אויס־געשלאָפן. מען הויבט זיך ווידער אָן באוועגן. די לופט איז שטיקנדיק. באלד ווערט א קריגעריי צווישן די פרויען. פארבי־טערטע געשרייען, ווילדע קולות, געשלעגן, א געיאָמער פון די אי־בערגעשראָקענע קינדער טראָגט זיך אין דער לופט, און אז די כוחות שעפּן זיך אויס, פאלט מען ווידער אריין אין א שווערן שלאָף.

אין דער פרי שטייען מיר שוין אלע אויפן טורמע־הויף גרייט צו לאָזן זיך אין וועג. די ארעסטאנטן זענען איינגעצויגן און צו־קנייטשט, מיט געשוואָלענע קישעלאך אונטער די אויגן.

די סאָלדאַטן האָבן באַזוכט איין אַרעסטאַנט, מען האָט אים געקערט פון אַלע זייטן, די שיך זיינע האָט מען אים אויסגעטאָן און איבערגעקוקט. מיט אַמאָל זענען אַלע געוואָרן אָנגעשטריינגט: די סאָלדאַטן האָבן מיט גרויס טריאומף פון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקעלע מיט טאַבאַק, און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די שטראָף איבער אים: מען האָט אים אָן אויפהער געשלאָגן, מיטן ביקס און מיט די פיס, מיט אזא רציחה, ווי זיי וואָלטן אויף אים אויסגעגאָסן זייער ביטער הארץ. דער אַרעסטאַנט האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ קנויל, אין זיין צעריסענעם כאַלאַט. די געלע צוקוטשמעטע האָר און די אומזיניקע אויגן האָבן אים געמאַכט אויסזען ווי עפּעס אַ ווילדע באַשעפעניש. עטלאַכע פון אונז זענען צוגעלאָפן צו אים, ניט ווייסנדיק וואָס דאָ צו טאָן, נאָר דער אַרעסטאַנט אַליין האָט צעשראָקענערהייט אונז געגעבן אַ צייכן זיך ניט צו מישן.

מיר דערנענטערן זיך אַלץ מער צו דער „טשערטאַ“, מיין היימלאַנד. אויף די סטאַנציעס נאָר אידישע פּנים׳ער. פאַרזאָרגטע און פאַרוויסטע, נאָר אַזעלכע נאָענטע און ליבע. עס איז ווי איינער וואָס האָט פאַרלאָזן זיין מאַמע אויף אַ לאַנגער צייט, ער פאָרט אַרום איבער דער וועלט, ווערט רייך און קומט צוריק אַהיים. די מאַמע איז אַלט און פאַראָרימט, נאָר אַזוי האַרציק און ליב איז זי אים איצט.

⁂

דעם 25טן מאַרט.

דערעטשין, איז אַ קליין שטעטעלע, וואָס איז איצט מיין היים, נאָר פון וועלכער איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַהער בין איך עס צוגעשריבן פון כמה יאָרן צו נעמען דאָ מיין פּאַספּאָרט, און דאָ דאַרף איך איצט וואוינען אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי.

די היגע איינוואוינער לעבן זיך דאָ זייער רואיק אין זייערע

צוויי גאסן, און קערן זיך וויזט אוים ווייניק אַן מיט דער אי־בעריקער וועלט, און קענען זיך זייערע שיין אויסקומען אַן פרעמ־דע מענטשן. האָט געדאַרפט זיך טרעפן, אַז איך זאָל קומען אהער צו פאָרן אין מיטן העלן טאָג, און די גאנצע שטעטעלע איז אויפ־גערודערט געוואָרן.

— „וואָס דאַרפסטו עפּעס צום אַסעסאַר?" — האָט מיך גע־פרעגט אַן עלטערע פרוי, אַ דערשראָקענע, דערהערנדיק אַז איך פרעג זיך אָפּן פּריסטאַוו, און באַלד האָט מען שוין פון דעם גע־וואוסט אין די ביידע גאַסן. בין איך שוין געגאַנגען צום פּריסטאַוו ניט אַליין, נאָר מענער, פרויען און קינדער האָבן מיך באַגלייט. אַזוינס איז נאָך דאָ באַ זיי ניט געשען און צו זייער חדוש'ן זיך איז ניט געווען קיין גרעניץ. און אין צימער פון פּריסטאַווס „קאַנצעלאַריע" האָב איך נאָך אַלץ געקענט זען נייגעריקע פּנים'ער אַריינקוקן אין פענסטער.

דער פּריסטאַוו איז שוין אַן עלטערער מענטש, מיט רינגענדי־קע אויגן און מיט איבערגעבליבענע שטיקלאַך האָר וואו ניט וואו איבערן קאָפּ. ער האָט זיך בשעת מעשה אויך פאַרלוירן. די הענט האָבן זיך באַ אים געטרייסלט. ער האָט אַ קאָפּ געגעבן מיינע פּאַפּירן אַ ווײַלע אַריינגעקוקט אין זיי און געגעבן אַ לאָז אַרוים אַ געשריי:

—„הייגען דאַרף מען אייך אַלעמען!"

אַז אַלע פון אונטערן פענסטער זענען זיך צעלאָפן אין שרעק. נו, איז אַרויסגייענדיק פון פּריסטאַוו'ס שטוב, האָב איך שוין אין ערגעץ נישט געהאַט וואו צו דינגען אַ דירה, כאָטש נעם און בלייב אָפּ'ן מיטן גאַס מיט'ן קערבל זאַכן אין דער האַנט. און וואו איך בין נאָר געגאַנגען, איז מען זיך פון מיר צעלאָפן. בין איך געשטאַנען און גאַס און געטראַכט, און גאָר ניט גע־קענט אויסטראַכטן. בין איך אַוועק צום פּריסטאַוו און גע־מאָלדן אים וועגן דער גאַנצער זאַך, איז אַרוים פון אים אַ באַ־פעל צו פאַרדינגען מיר אַ דירה.

איצט וואוין איך שוין רואיק און זיכער באַ אַן אַלטע פּאָר

פאָלק אין שטוב, אין א ווינקל, וואָס איז פארשטעלט מיט א גרויסן אויוון. און ארבעט שוין געקריגן בא א שניידער, וואָס איז „הייגטוועלטיק" און ער האָט „פאר אזעלכע זאכן קיין מורא ניט".

אלע טאָג שיקט דער פריסטאַוו זיין „דעסיאַטניק" צו זען, אויב איך בין ניט אנטלאָפן; און אין שטעטל איז מען אויך נאָך ניט בארואיקט. זייער פיל וואונדער איז דאָ אלע מאָל צו דערציילן וועגן דער „פארשיקטער". און באנאכט, ווען איך ליג שוין אפן געלעגער, הער איך אָפט זיך שושקען וועגן מיר:

— „וואָס טוט זי?"

— „זי שלאָפט".

— „אזוי?"

און אז איך גיי אין גאס, לויפן קינדערלאך צו פון הינטן, גיבן מיר א צופ פארן קליידל און אנטלויפן. און פענצטער עפענען זיך אף א ווײַלע, ארויסגעשטעקטע קעפ מיט נייגעריקע אויגן:

— „אָט איז זי!"

— „אָט גייט זי!"

פון איצט אָן קען איך שוין וואוינען דאָ אין אויעזד, דורך א באזונדערע דערלויבניש פון דער העכערער „נאטשאלסטוואָ". איך שטיי איצט און טראכט: וואָס וועט מיר אָט די שטאָט געבן.

ס'איז א ליבע שטאָט, וואָס שטייט אינמיטן פון געדיכטע דרעמלענדיקע וועלדער. אַלץ גייט זיך דאָ צו אנשטענדיק און רואיק, לויט אַלטע, איינגעשטעלטע כללים. אין דער פרי גייען זיך די באַלעבאַטים אין שול אריין, מיט טלית־און־תפילין אונ־טערן אָרים. נאָכן דאַווענען וואַשט מען זיך, מען עסט „אָנ־בייסן", און אָפּבענטשנדיק, נעמט מען זיך ערשט צו פרנסה.

אינמיטן שטאָט שטייט א לאַנגע הילצערנע געביידע, פאַ־נאַנדערגעטיילט אין קליינע קעמערלאַך: דאָס איז דער „ריאַד קראָמען". בא יעדער טיר פון קראָם זיצט די באַלעבאָסטע, צי דער באַלעבאָס, און היט אָפּ זיין סחורה, וואָס באשטייט פון „גאַלאַנטערעי" און נאָך אַנדערע ארטיקלען. מען זיצט מיט פאַרלייגטע הענט און מיט בטחון אין הארצן, אז אפשר וועט באַלד גאָט צושיקן א קונה. אמאָל באוויַיזט זיך א פויערטע פון דאָרף, וואָס קומט זיך איינקויפן א פאַטשיילע אָדער פאַ־טשערקעס; ווערט אָף איר א געיעג:

— „פראָשע, פאַניע, פאַניע, פאַניע!"

מען רייסט איר, דער פאַר איין ארבל, דער פאַרן אַנדערן, און די גויע בלייבט שטיין צעמישט און וויים שוין גאָר ניט וואוהין צו גיין.

אָבער דאָנערשטיק אין מארק־טאָג, איז שוין גאָר אַן אנדער

זאך. דער גאַנצער מאַרק־פּלאַץ, און דער פּלאַץ באַם „ריאַד" איז פאַרשטעלט מיט פּויערשע פורן. צו די פורן זענען צוגע־בונדן בהמות און פערד צום פאַרקויפן, און אינווייניק אין וואָגן געפינט זיך פון אַל־דאָס־גוטס: הינער, חזירים, גענז, קאַר־טאָפּלעס, אייער, קאָרן. די ווייבער פון שטאָט באַלאַגערן די וועגענער, און דער ליאַרעם פון זיי און פון די לעבעדיקע ברואים אין וואָגן גיסן זיך צונויף אין איין כאָר.

אָט האָבן שוין די פּויערים פאַרקויפט זייערע סחורות און מען גיט זיך אַ לאָז אַוועק צום „ריאַד קראָמען" איינצוקויפן אַנ־דערע נויטיקע אַרטיקלען. די לייזונג אין „ריאַד" גייט אַזוי פעסט, אַז עס פעלן אוים הענט. ....

פאַרנאַכט. אָפּגעטאָן אַלע אַרבעטן, פאַרקלייבן זיך די פּויערים אין אַ שיינק צי אָפּן וואָגן און מען גיט זיך איבער צו דעם תענוג פון בראַנפן, ביז מען לאָזט זיך צוריק אַהיים אין די לאַנגע וועגענער, דורך דעם ווייטן טראַקט, מיט גע־פילדער און שיכורן געזאַנג.

ווערט ווידער רואיק און שטיל אין שטאָט, ווי נאָך אַ מהומה. מען ראַמט אוים דעם אָנגעוואָרפענעם מיסט און מען נעמט זיך גרייטן צום שבת.

איך באַלאַנג צו דער היגער אָרגאַניזאַציע. די חברים האָבן זיך שוין פון מיר דערוואוסט. העניע די נייטערקע איז די ערשטע צו מיר געקומען, און שעמעוודיקערהייט האָט זי מיר געדריקט די האַנט:

— „מיר ווייסן פון אייך. איר זענט די, וואָס מען האָט אהער פאַרשיקט. מיר זעען אייך גייענדיק אַלע טאָג צום פּריס־טאַוו".

מיר ווילט זיך איר אַרומנעמען פאַר פרייד.

— „זענען נאָך דאָ פאַראַן אַ סך חברים?"

— „יאָ, יאָ. קומט, איר וועט זען".

זי נעמט מיך פאַרן האַנט. אירע גוטע, לאַשצענדיקע אויגן קוקן אַף מיר מיט אַנטציקונג. זי וויל ווייסן, ווי אַזוי איז עס צו זיצן אין טורמע. מיר ריידן געבאַפּטערהייט פון טויזנט זאַכן, ביז מיר קומען אונטערן שטאָט אַפן פעלד אַרויס.

ס'איז פאַרנאַכט. מיר גייען דורך פעלדער, פאַרזייטע מיט קאָרן, אַף אַ שמאָלער סטעזשקע. דער קאָרן פוןביידע זייטן פאַרשטעלט אונז ווי מיט באַוועגלאַכע גאָלדענע ווענט; דער הימל — אויך אַ גאָלדענער פון דער נאָר־וואָס אונטערגייענדיקער זון — קען זיך נאָך אַלץ ניט צעשיידן מיטן טאָג. די לאַנגע זומערדיקע פאַרנאַכטן אַפן פעלד! זיי זענען ווי אַ זיסער ניגון פון אַ וואַרימען האַרץ, צו וועלכן עס ווילט זיך איינהערן אָן אַ שיעור.

די חברים זיצן אין אַ האַלבן קרייז אויסגעזעצט אַף אַ בערגל פון די אָפענע, פאַרטרוילאַכע געזיכטער און דעם באַזונדערן האַנט־דרוק פיל איך אַ וואַרימען שטראָם דורכגיין איבער

מיין גוף. שוין אזוי לאנג ניט געווען צווישן אייגענע. מיין קורצע, ניט רייכע רעוואלוציאָנערע פארגאנגענהייט נעמט דאָ אָן אַ פּנים פון עפּעס אַ גרויסן אויפטו, פון אַ העלדישקייט. איך וויים, אַז עס איז גאָר ניט אזוי, און איך דערפיל זיך אַ ווײַלע ווי אומבאַקוועם און עפּעס ווי שולדיק אנטקעגן די חברים.

די פאַרזאַמלונג, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט מיין קומען, ווערט פאָרטגעזעצט ווידער. די טעמאַ איז: „צי איז טעראָר אַ מיטל אין אונזער קאַמף?" די חברים זענען דאָ אויס־געקליבענע, פון די „בעסערע מענטשן" פון דער אָרגאַניזאַציע.

עס שטעלט זיך אויף אַלטער ראַבינאָוויטש. ער איז אַ יונג מיט אײַדעלע מאַניערן, ער רעדט מיט אַ ווייכער שטים און אינגאַנצן איז ער ווי אַ זיידענער. מיט זיין האַנט פירט ער אַ ווײַלע איבערן שטערן, ווי ער וואָלט וועלן ברייגנען אין אָרד־נונג זיינע געדאַנקען, וואָס זענען אים אָנגעקומען מיט אַמאָל. העניע די נייטערקע זאָגט, ער איז דורכגעגאַנגען מאַרקסן „פון טאָוול ביז טאָוול".

....„מיט דעם אונטערגאַנג פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק אין רוסלאַנד באַ־קומען אַן אַנדער ווענדונג: — מאַסן אַרבעט, אָנשטאָט טע־ראָריסטישע אַקטן פון איינצעלנע העלדן; די טעראָריסטישע אַקטן ברייגנען שאַדן דער באַוועגונג; די מאַסן הויבן אָן צו פאַר־לאָזן זיך אַף זייערע העלדן און הערן אויף צו גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות".

באַלד נאָך אים האָט אָנגעהויבן ריידן ביילקע די פּרי־קאַזטשיצע. זי איז אַ קליינינקע מיט אַ רויטן, קײַלאַכדיקן פּנים. באַוועגט זיך גיך און רעדט גיך. זי גיט אַ מאַך מיטן האַנט, ווי איינער, וואָס ווייס צו־גוט, וואָס ער רעדט, און קיין שום צווייפל קען דאָ שוין ניט זיין. זי איז איינשטימיק מיטן חבר אַלטער:

— „טעראָר איז אַ ווילדער, באַרבאַרישער מיטל. זאָל מען נעמען אַ ביישפּיל פון מעריב־אייראָפּע".

ווען ביילקע רעדט, פיל איך א באוואונדערונג פאר איר און א פארדרוס אף מיר אליין, פאר מיין שטענדיקער ניט־דרייסט־קייט צו נעמען א וואָרט. מיר דוכט זיך אלץ, אז ווען מען שטעלט זיך ריידן, און אזוי פיל מענטשן ווארטן אף דיין וואָרט, מוז מען האָבן עפּעס זייער וויכטיקעס צו זאָגן.

די פארזאמלונג איז נאָך ניט געווען צו ענד. ערגעץ פון א ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן נאָך איינער צו נעמען א וואָרט, יאָסל דער סטאָליער. ער האָט זיך אויפגעהויבן זייער געלאַסן, און באטראכט אלעמען מיט א קלוגן דורכדרינגענדיקן קוק. ער הויבט אָן ריידן פּשוטע ווערטער, נאָר מאָדנע קלאָר און אויסדריק־לאך:

— „איך זע ניט איין, ווי אזוי דורך טעראָריסטישע אקטן וועט דאָס די מאסע איינגעשלעפערט; גראָד פארקערט, זי וועט אויפגעטרייסלט ביזן גרונט און באקומט נאָך מער חשק צו קעמפן איר קאמף. נאָר די שרעקנדיקע בלייבן שטיין אָן א זייט. און ווי וועט איר ענטפערן אף אלע גוואלדטאטן פון דער רעגירונג קעגן אונז? דאָ קען שוין ניט גילטן קיין איידעלע רייד".

און ער האָט ווייטער גערעדט:

— „ווען איינער דערלאנגט דיר א זעץ איבערן קאָפּ, וועסטו אים דאמאָלסט צוטראָגן א פּראָקלאמאציע?" דאָ צולאכן זיך אלע געמיטלאך. יאָסל דער סאָטליער וועט וואָס ווייטער אלץ מער באלעבט; ער שטייט אויסגעגלייכט אין זיין גאנצער הויך, א זיכערער אזא, מיט ברייטע אקסלען, אין א גרויסער קוטשמע־האָר אפן קאָפּ, און עס ווייעט פון אים מיט געזונטער רויער קראפט.

ביילקע די פּריקאזטשיצע גייט צו צו מיר און אויפגערעגטע:

— „ער רעדט גאָרניט פאקטיש, אזוי איז אלעמאָל מיט אים".

עס איז שוין געווען שפּעט באנאכט, ווען מען איז זיך צע־גאנגען אהיים. אלטער ראבינאָוויטש האָט ניט געקענט גיין צו־

זאמען מיט אונז אין שטאָט, אוים מורא צו ווערן פארדעכטיק. מיר האָבן זיך אָפגעטיילט אין א באזונדער גרופע, עטלאכע נאָנטע חברים; און לאנג נאָך ארומגעשפאצירט דאָ אפן פעלד, אין דער וואונדערלאכער, זומערדיקער נאכט; געמאכט פלענער וועגן אונזער ארבעט און גע'חלומ'ט פון דער סאָציאליסטישער אָרדנונג.

אלטער האָט זיך אָפגערופן צו מיר:

— „איר האָט כאָטש עפעס אויפגעטאָן פאר דער באוועגונג".

— „אָ, ניין, זיי האָבן מיך צו־פרי ארעסטירט", — האָב איך געענטפערט מיט באדויערן. „זיי האָבן מיך אָפגעריסן פון דער ארבעט פונקט דאמאָלס, ווען איך האָב דערפילט זיך שוין פייאיק עפעס טאָן".

— „מיט וואָס פארנעמט איר זיך?" — האָב איך דערנאָך געפרעגט בא אלטערן.

— „איך ארבעט גאָר ניט. מיין טאטע איז א גביר".

וואונדער איך זיך.

— „אָבער עס איז ניט מיין שולד" — האָט אלטער גענומעןריידן. — „איך וועל פון איצט אָן אָנהויבן גאָר אן אנדער לעבן, איך וועל אוועקפאָרן אין אן אנדער שטאָט. דאָרט, וואו עס איז דאָ א גרויסע באוועגונג. אָ, איך וועל נאָך א סך אויפטאָן".

א ווײַלע האָב איך אים נאָכגעקוקט, ווען ער איז געגאנגען אהיים. ער האָט געשפאנט מיט האסטיקע טריט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן אין דער הויך, מיט אזא באוועגונג, ווי ער וואָלט גיין ארויסרופן אימעצן אף א שטרייט. איך האָב אים נאָכגעקוקט און געטראכט: „געוויס וועט ער נאָך א סך אויפטאָן".

סלאָנים, 12טן יולי.

אַז מען וויל טרעפן אַ מענטשן, איז עס באַ יאָסל דעם סטאָליער אין שטוב. יאָסל אַרבעט באַ זיך אין דערהיים, ער איז זיין אייגענער באַלעבאָס, און פירט זיך ווי אַזוי עס געפעלט אים צום בעסטן. זיין שטוב איז שטענדיק אָפן פאַר אַלע חברים, פאַר קרייזלאַך און פאַר קאָנספּיראַטיווע אַרבעט.

אַז איך גיי נאָך אַף די טרעפ צום „אויבערשטיבל", הער איך שוין די גערייִדעריי פון אַ סך מענטשן. איך טרעף זיך דאָרט מיט אַ קרייזל פון סופרים — דער פאַך סופרים, וואָס שרייבן מזוזות, וואָס האָבן זיך ליב צו גריבלען מיטן גראָבן פינגער, וואָס שטעלן כסדר פראַגן און וואָס ווילן דערגיין דעם גרונט פון דער סאָציאַליסטישער לערע.

נתן „דער פאַרפרוירענער" זיצט אַפן לאַנגן סטאָליאַרסקן טיש, דעם הובל, וואָס ער האַלט אין האַנט, באַטראַכט ער פון אַלע זייטן מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן. אַנאַנדער סופר שטייט לעבן אים און האַלט אים פעסט באַם אַרבל, די איבעריקע סופרים זענען אַלע אַרום אים און מען שפּאַרט זיך וועגן דעם ענין, ווי אַזוי וועט אויסזען די וועלט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. נתן האָט געזאָגט, אַז דעמאָלט וועט אַלצדינג גיין אַף פּאַרע און די מענטשן אפילו וועלן קיינמאָל ניט דאַרפן גיין צופוס. אָבער קיינער פון די סופרים איז ניט געווען מיט אים איינשטימיק.

יאָסל דער סטאָליער האָט, ווייזט אויס, זיך גאָר ניט צוגעהערט צו דעם גאַנצן געשפּרעך. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אַף דער סאָפּקע, אַ שווערער אַזאַ, מיט אַ קוטשמע ניט פאַרקאַמטע האָר און האָט לאַנגווייליק געקוקט צום באַלקן. פון

צייט צו צייט האָט ער נאָר איראָניש געשמייכלט, כאַפּנדיק אַ קוק צו די סופרים. לעבן אים איז געלעגן אַן אָפּענער ביכל: „פלאַמאַריאָנס אַסטראָנאָמיע". פרעג איך באַ אים:

— „יאָסל, איר לייענט נאָך אַלץ דעם זעלביקן ביכל?"

און ס'פאַרדריסט מיך באַלד, וואָס כ'האָב אים געפרעגט; איך ווייס, אַז יאָסל לייענט ווייניק, אָבער דאָס וואָס ער לייענט איבער, געדיינקט ער עס שוין אַף אייביק.

באַלד איז אָנגעקומען צאַלקער ווייסענבערג, אַ שילער פון רעאַל־שול. צאַלקע האָט עפּעס געהאַט באַ זיך אין קעשענע, וואָס ער האָט צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט. זיין פּנים האָט אויסגעזען סודות'דיק. נאָר לאַנג האָט ער ניט געקענט איינ־האַלטן דעם סוד און האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ בליש־צענדיקן רעוואָלווער.

— „ווי געפעלט אייך דער „שפּייער"?" — האָט ער גע־פרעגט מיט גרויס גאווה.

— „צאַלקע, איר וועט דאָך אונז אַלעמען פאַרשיטן" — האָב איך אים געזאָגט מיט פאַרדרוס; דער דאָזיקער יונג איז מיר ניט געווען צום הארצן. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין ערנסט. אין די וויכטיקסטע פראַגן האָט ער אַלעמאָל געפונען צו זאָגן עפּעס אַ גלייכווערטל. ער איז ניט איינגעשטאַנען אַף איין אָרט, ווי קוועקזילבער. און שטענדיק מיט אַ לאַכנדיקן פּנים.

ענדלאַך האָט זיך שוין אונזער גאַנצער קרייזל אויפגע־קליבן. באַלד פאַרטיפן מיר זיך אין שטודירן דאָס „ערפורטער פּראָגראַם". יאָסל זיצט מיט די הענט אין די קעשענעס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, ווי אַ מענטש פאַר זיך, נאָר אַלע ווייסן, אַז ער הערט זיך גוט איין און פאַרשטייט.

די „דאמבע“. דאס איז א הויכער ברעג, באם ברייטן טייך, וואס שטראמט אינמיטן שטאט. די בוימער באם ברעג שפרייטן שאטנס אפן טייך און שפיגלען זיך אין גרינעם וואסער. דער טייך איז ווי א לעבעדיק בילד, וואס באצירט די שטאט און גיט איר צו חן'

מען דערציילט, אז אמאל פלעגן די באלעבאטישע טעכטער ארויסגיין אף א שפאציר צו דער „דאמבע“, שבת נאכן עסן. און אין דער וואכן פלעגט א מידע הענדלערקע, מיט איר קאשיק אין האנט, פארביילויפנדיק די „דאמבע“, זיך צוזעצן א ווײלע אפצוכאפן דעם אטעם, אף א באנק אונטערן שאטן פון א בוים. היינט ווייכן אלע אוים דעם ארט נאך פון דערווייטנס, ווייל די „דאמבע“ באלאנגט איצט צו אונז. דאס איז אונזער בירזשע.

אלע פארנאכט ווערט דא דער ארט פארפולט מיט מאסן ארבעטער, וואס קומען אן פון די מאסטערסקאיעס און פאבריקן. מען צעשטעלט זיך אין גרופקעס. אונזערע מיטגלידער זענען זייער פארנומען. מען אגיטירט, מען צעטיילט ליטעראטור. אדער מען פארענטפערט א פראגע. עס זשומעט ווי אין א בינשטאק.

אט שטעט משה־אבע, דער ישיבה־בחור, צווישן א קרייזל פון ארבעטער. די העמד באם האלז איז אים אפגעשפילעט, ער טראגט א לאנגע קאפאטע מיט אומענדלאכע קעשענעס. אלע ווײלע בייגט ער זיך איין און נעמט ארויס פון דארטן עפעס א ביכל און רוקט עס אימיצן בגנבה אין האנט אריין. ער רעדט מיט א זינגענדיקן קול באם פארענטפערן א פראגע און שאקלט זיך צו, ווי בשעת ער לערנט די גמרא. משה־אבע לייענט ביכלאך אן אן אויפהער. אף יעדן נייעם ביכל ווארפט ער זיך ארויף

ווי אַ גזלן און שלינגט עס איין. מען דערציילט, אַז איינמאָל באַנאַכט איז משה־אבע געזעסן באַ אַ לעמפּל און געלייענט, האָט אָנגעהויבן קאַפּטשען דאָס לעמפּל, האָט עס משה־אבע ניט באַמערקט און געלייענט ווייטער.) אַז עס איז פינצטערער געוואָרן, האָט ער אַרויסגעדרייט דעם קנייטל און האָט ווייטער געלייענט, ביז עס האָט אָנגעהויבן פאַלן שטיקער סאַזשע, האָט ער געווישט די סאַזשע מיטן אַרבל און האָט ווייטער געלייענט. און אַף מאָרגן אין דער פרי האָט מען אים געפונען אַ פאַר׳חלש׳טן מיטן ביכל אין האַנט.

און אָט איז שייקע אייזנבערג, „דאָס באַלעבאַטישע קינד". שייקע איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט צוליב דעם, וואָס איינמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען אונזערע אַ קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר. די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט און אינווייניק איז מען געזעסן אין אַ קרייזל און געלערנט דעם סאָציאַליזם. שייקע איז דעם גאַנצן אָוונט אָפּגעשטאַנען אונטערן פענצטער. און דאָרט איז ער עס דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. איצט האָט ער אַרום זיך עטלאַכע אַרבעטער וועמען ער אַגיטירט. ער לויפט דורך די „דאַמבע", קלייבט אויף זיין קרייזל און ווערט מיט זיי ערגעץ פאַרשוואונדן. דער קאָלנער פון זיין מאַנטל איז אויפגעשטעלט. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, טאָמער גייט אים נאָך אַ שפּיאָן. שייקע שרעקט זיך שטאַרק פאַר שפּיאָנען, און האָט שטענדיק פאַנטאַסטישע געשיכטעס וועגן זיי צו דערציילן.

אין איין גרופּע אַף דער „דאַמבע" זענען פאַרזאַמלט אַלע אַרבעטער פון העריש דעם „דאַמסקן שניידער". אַן אַרבעטער־מיידל גיט אַפּ אַ באַריכט: דער שניידער זידלט זיך און רעדט גראָבע רייד. איין לערן־מיידל האָט ער געשלאָגן. באַלד אַפּן אָרט ווערט באַשטימט וואָס צו טאָן — אַ סטרייק פאַר בעסערע באַהאַנדלונגען! אַ רעדנער וואַקסט אויס אין איין מינוט. מען נעמט אָן באַשלוסן און מען צעגייט זיך, מוטיקע, צו פירן דעם סטרייק.

נאָר ניט אַלע מאָל איז דאָ צו זען פריידיקע בילדער אַף דער „דאַמבע“. אָט קומט צו לויפן אַ מאַמע, וואָס איר זון, אַ באַ־לעבאַטיש קינד, איז אריבער צו אונז. זי לויפט ארום הין און צוריק איבער דער בירזשע מיט די הענט פארבראָכן.

איר זון! איר איינציק קינד!

— „גזלנים, גיט מיר אים אַוועק!“

זי שטעלט זיך איין, לויפט צו צו אַ גרופּע ארבעטער, פאַרקוקט זיי אין די פּנים׳ער, טאָמער וועט זי דאָרט דערקענען איר קינד, אָבער אונזערע זענען אומ׳ברחמנות׳דיק, און איינער פון דער גרופּע ווענדט זיך צו איר שטרייננג:

— “אידענע, טראָגט זיך בעסער אָפּ פון דאַנען“.

זי ווערט ווילד, גלייכט זיך מיטאַמאָל אוים און בלייבט שטיין מיט איר הארץ פאַראוים.

— „וואָס, וועסט מיך אפשר שלאָגן?“ — זי ווייס ניט פון קיין שרעק די נארישע מאַמעס הארץ.

די נאַכט פון הושאנה־רבא, סאַראַ וואונדערלאַכע נאַכט. פאַרוואָס שלאָפּט זיך דאָס ניט ? די געדאַנקען זענען אויפ־געדרודערט און טראָגן מיך אוועק ערגעץ ווייט פון דאַנען.

פאַרטאָג דאַרף קומען א „מענטש" פון קאָמיטעט. און ס'איז באַשטימט, אז מיר דאַרפן גיין אים אָפּוואַרטן צום באַן. אָבער ס'איז נאָך אזוי פרי. מען קען זיך נאָך גוט אויסשלאָפן. נאָר איך ליג מיט אָפענע אויגן אָנגעשטריינגט. פון קיך דער־טראָגט זיך א שטילער גערויש און דער ריח פון פריש־אויסגע־באַקענע חלה. דאָס גרייט זיך צום יום־טוב די באַלעבאָסטע פון שטוב. זי איז וואַך די גאַנצע נאַכט.

און איך זע זיך, ווי איך בין נאָך גאָר א קליין מיידעלע. אין הויז באַ אונז שלאָפן שוין אַלע, נאָר איך מיט דער מומען זיצן מיר א גאַנצע נאַכט. מיר גרייטן זיך צום יום־טוב. פון די מערן שנייד איך אויס „רענדלאַך" פאַרן צימעס, די מומע באַקט חלה און פון דעם נאָכגעביקן טייג מאַכט זי אויס פויגלען און לייטערס, אז אונזערע תפילות זאָלן גרינג אָנקומען אין הימל אַריין צו גאָט.

וואָס עס טוט זיך עס אָפּ איצט דאָרט אפן הימל! אזוי פיל קוויטלאַך דאַרף מען דאָס אָנשרייבן און אַלעמען צעשיקן. דעם א גוטן קוויטל, און דעם א שלעכטן.

— „איר שלאָפט גאָר ניט" — וואונדערט זיך די באַלע־באָסטע, ריידנדיק צו מיר פון קיך. און מיין זעאונג פאַרשווינדט. איך רוף זיך אָפּ:

— „איר ווייסט, באַ אייך איז איצט פונקט ווי באַ אונז אין דערהיים, אמאָל.

זי פרעגט בא מיר פארוואונדערט:

— „אזוי, איר האט אהיים?“ —

— „מיין מאמע איז געשטארבן, נאר איך האב א שטיפ־מאמע, א מומע“.

מיין קול ציטערט, ווען איך דערצייל איר פון אונזער שטוב, פון טאטן. זי זעצט זיך בא מיין בעט און קוקט מיך אן מיט געטרייע, מוטערלאכע בליקן.

נאר באלד קלאפט מען אן אין פענצטער שטילערהייט. שוין צייט צו גיין צום באן, זיך אנגעטאן אף גיך, א חבר ווארט שוין אפן גאס, אן איינגענורעטער און א שווייגנדיקער. און מיר גייען אוועק צום באן. א קיל ווינטל טראגט זיך אנטקעגן אין פנים אריין, ארום איז יום־טוב'דיק — שטיל. ס'הויבט נאר וואס־אן צו טאגן. די גאס איז דורכגעדרונגען מיט ערנסטקייט, און עס איז ניט צו זען קיין לעבעדיקן נפש. ערגעץ פון א ווייטער גאס הילכט אפ אימיצנס גיכע טריט איבערן ברוק, דאס איילט זיך געוויס א פרומער איד אין שול אריין, ער טראגט א גראבן ספר אונטערן ארעם, באלד וועט ער זיך פארטיפן אין לערנען און וועט פארגעסן אן דער גאנצער וועלט.

מיר האבן זיך באגעגענט מיט מאקס'ן — דער מענטש פון קאמיטעט — במעט שווייגנדיק, נאר געזאגט זיך איינע די אנ־דערע דעם פאראל. מאקס איז געווען אנגעכמורעט, ווי א ברוגז'ער, און מיר האבן ניט געקאנט ארויסקריגן פון אים קיין איין ווארט. א הויכער איז ער, מיט א לאנגער נאז, האט ער זיך אזוי איינגעוויקלט אין זיין קאפטן, אז מיר האבן נאר געקענט זען זיין נאז. אזוי איז געווען ביז מיר האבן אים געבראכט אין אונזער קאנספיראטיווער קווארטיר. ערשט דא האט ער זיך געלאזט צו אונז דערקענען. ער האט זיך אויסגעוויקלט פון זיין סודות'דיקייט און האט זיך פארוואנדלט אין א ליבן, לעבנס־לוסטיקן חבר.

מאקס איז א שליח פון דער גרויסער שטאט פון „קאמיטעט“, און ער דארף אונז פארבינדן מיטן „בונד“. וואס איז אזוינס

דער „בונד“? טאָג און נאכט זענען מיר געזעסן פארזאמלט אין ערנסטע שמועסן און דיסקוסיעס וועגן דעם. ביז איצט האָט אונ־זער באוועגונג דאָ ניט געהאט קיין באשטימטן פּנים. מאקס האָט אַלץ קלאָר געמאכט, אַף יעדער פראגע געגעבן דעם ריכטיקן ענטפער, ביז עס האָט פאר אונז אויפגעשיינט, ווי א העלע ליכט, דער געדאנק: דער „בונד“ — די אָרגאַניזאציע, וואָס דאַרף פאראייניקן די אידישע ארבעטער. אָרגאַניזירן זיי, זיך צופּאסן צו זייערע באזונדערע איינגנשאפטן און שפּראך. אזוי איינפאך איז געווען דער דאָזיקער געדאנק, אַז מיר האָבן זיך מיט דעם גע פריים.

די פארבראכטע־וואָך מיט מאקסן איז געווען בא אונז, ווי א כסדר׳דיקער יום־טוב. בא יאָסל דעם סטאָליער אין שטוב האָט זיך דאָס אַלץ אָפּגעטאָן. מיר פלעגן זיך צעגיין נאָר אַף איבער־שלאָפן א פּאָר שעה. און אמאָל פארבלייבן דאָרט נעכטיקן. גע־געסן האָבן מיר אַלע צוזאמען באם לאַנגן סטאָליארסקן טיש.

אין אַזעלכע פרייע מינוטן פלעגט מאקס פאנאנדערוויקלען אַן אוצר פון חכמה און קלוגע איינפאַלן, וואָס האָט באוויזן זיין גייסטרייכע נאטור. זיין שמאָלע איידעלע געזיכט מיט דער לאַנגער נאָז, פלעגט ווערן אויסדרוקפול, און פול מיט חן. זיין ארומוואנדערן איבער די ראיאָנען פון „בונד“ האָט אים נישט מיד געמאכט. פון יעדער שטאָט האָט ער ארויסבאקומען אירע מערקווירדיקייטן, אָדער מאטעריאַלן פאר א גוטן וויץ.

איינמאָל אין אזא אָוונט האָט מאקס געזאָגט:

— „וויבאלד אז מיר באלאַנגען איצט אַלע צום „בונד“, בא־דאַרף מען נעמען עפּעס אין מויל אריין“. — באַלד האָט זיך אפּן טיש באוויזן בראנפן און כליערליי צוביסן. און דער עולם איז געוואָרן אַף דאָסניי אויפגעלייגט.

איך בין געזעסן אַן א זייט, פול מיט די נייע געדאנקען וועגן „בונד“. דער „בונד“, דאָס איז די גייסטיקע היים פון די אידישע ארבעטער. די דאָזיקע היים כאָוועט אוים אירע זין, שטודירט מיט

זיי די סאָציאַליסטישע לערע און שיקט זיי אוועק אין דער גרוי־
סער אַרמיי צו שטרייטן דעם העלדישן שטרייט.

באַם טיש האָט מען געמיטלאַך געשמועסט, מאַקס האָט גע־
זאָגט, אַז בא אונז דאָ איז אַ גן־עדן, האָבנדיק אין זינען די גרינגע
פּאָליציייאישע באַדינגונגען, און משה־אבע, דער ישיבה־בחור, האָט
באַדויערט וואָס די פּאָליציי דאָ בא אונז שלאָפט, און מיר קענען
זיך מיט איר ניט פאַרמעסטן, כדי אויסצופּרואוון אונזערע כחות.
דערנאָך האָט אַ חבר דערציילט, ווי איינמאָל האָט דער רב פון
אונזער שטאָט געשיקט אים רופן: „וואָס־איז?"

— „אַן אַלטער מאַן, זאָגט דער רב, — האָט דאָ מקדש גע־
ווען אַ מיידל און וויל איר ניט אָפּ'גטן. ער איז אוועקגעפאָרן אין
אַנאַנדער שטאָט, און כאַטש טו אים עפּעס.

— „וואָס קען איך דאָ העלפן, רבי?"—פרעגט אים דער חבר.

— „דו ברייננ אים נאָר צו מיר, מער וויל איך פון דיר גאָר
ניט".

— „אָבער ווי אזוי?" —

— „נישקשה, דו קענסט, זאָג אים נאָר ווער דו ביזט, פאַר
„אייך" האָט מען מורא". —

איך האָב געזוכט אַ מינוט צו בלייבן מיט מאַקס'ן אליין,
קודם צו שטעלן אים אַלע פראַגן, וואָס מיך אינטערעסירט אזוי
שטאַרק. אַ שטייגער — ווען רעכנט מען צו אָנהויבן מאַכן די
רעוואָלוציע? און וואָס הערט זיך דאָרט אין די גרעסערע שטעט
מיט די רוסישע אַרבעטער, צי זענען זיי שוין גרייט צום אויפ־
שטאַנד. און ריידנדיק וועגן דעם מיט מאַקס'ן, האָב איך פּלוצים
דערפילט אזא באַדויערונג: ווי ווייט איך בין דאָס איצט פון
דעם פעלד פון אמת'ן קאַמף. זאָל איך ווייטער פאַרבלייבן דאָ
אין שטאָט? צי טו איך די ריכטיקע אַרבעט? — האָב איך זיך
אַליין געפרעגט אומרוהיק און ניט זיכער.

מיר פייערן דעם יום־טוב פון אונזער אָנגעהעריקייט צום
„בונד".

ווייט אונטערן שטאָט איז אָפּגעדונגען אַ גויאישע הייזל,

א פּאַטראָל שטייט צושטעלט די גאַנצע וועג ביזן שטאַט, צו זאָגן יעדערן ווי צו גיין, און נאָר די וואָס ווייסן דעם פּאַראָל קענען דורכגיין די וואַך. די שטיבל איז באַצירט מיט בלומען און מיט א רויטע פאַן. קאַרל מאַרקס בילד לייכט אפן וואַנט, צווישן די הייליקע בילדער פון קריסטוס.

דאָס שטיבל איז פול געפּאַקט מיט חברים און באַלד אין אָנהויב אָוונט פילט זיך שוין דאָ א פייערלאַכע שטימונג. אַלע יום־טוב'דיק אָנגעטאָן מיט רויטע שלייפעלאַך אפן האַרץ, דריקן זיך וואַרים די הענט, די אויגן לויכטן מיט באַגייסטערונג. צווישן די גרופּקעס גייען אָן פריילאַכע, לעבעדיקע שמועסן. אָט איז א נייער מיטגליד — האַנקע דעם רב'ס, זי דערציילט פאַר א גרופּע חברים, ווי אַזוי זי האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט פון דערהיים, קריכנדיק דורכן פענסטער, כדי צו קענען זיין באַם יום־טוב. וואָס עס וועט זיך טאָן אף מאָרגן, אַז דער טאַטע, דער רב, וועט זיך דערוויסן, איז שוין גאָרניטאָ וואָס צו ריידן.

עס קומען אָן דעלעגאַטן פון „פּראָווינץ" — פון אַלע שטעטלאַך אַרום סל—ם. זיי שטעלן זיך אויס אין איין שורה, האַלב שעמעוודיקע, מיט אויגן, וואָס קוקן התפּעלות'דיק. זיי האַלטן זיך נאָנט איינע צו די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך צו פאַרלירן. צוויי דעלעגאַטן פון מיין היים, פון דערעטשין, וואו עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויך א באַוועגונג.

דער עולם ווערט אַלץ רוישנדיקער. און מיטאַמאָל ווערט שטיל, אַלע האַלטן איין דעם אָטעם. דער כאָר זינגט דאָס ליד פון דער „שבועה". דאָס איז א נייע ליד, וואָס זינגט זיך דאָ צום ערשטן מאָל:

„מיר שווערן צו פירן א הייליקן שטרייט"

„ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן באַפרייט".

אַלע זענען פאַראייניקט אין איין געפיל, א געפיל פון נייעם מוט און קראַפט, וואָס זאָגט צו אויסצופירן דעם געשוואָרענעם וואָרט. די באַגייסטערונג שטייגט. מאַקס שטייט הויך אף א שטול און רעדט:

— „די אידישע ארבעטער, די אונטערדריקטסטע צווישן די אונטערדריקטע“.

... זיי זענען בארופן אויסצופירן א גרויסע שליחות. אָט הויבן זיי זיך אָן צו באוועגן, זיי וואכן אויף, די רוקנס גלייכן זיך אויס, און אין די אויגן א נייער שטאָלצער בליק. זיי שטעלן זיך אויס אין די רייען און שליסן זיך אָן אָן דער ריזיקער ארמיי פון די קעמפפנדיקע ארבעטער פון דער גאנצער וועלט“...

דעם 15טן דעקאַבר.

בא אונז האָט זיך שוין איינגעשטעלט דער ווינטער. שנייאיקע פעלדער, שנייאיקע וועגן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך איינגענורעט און ליגט אונטער אַ טיפֿן פּלאַסט פֿון שניי. די טאָפּעלע פֿענסטער זענען אַריינגעשטעלט, פֿאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר אַלע שפּאַרונעס. אין שטוב איז אָנגעהייצט, אַז ס'איז אַ מחיה, און נאָר די שליטנס יאָגן זיך אַרום ווי די טייוואָלים. דער פֿורמאַן איז אָנגעפּעלצט אַז נאָר די נאָז זעט זיך אים אַרויס. „וויאָ“! ער גיט אַ זעץ מיט דער בייטש, די פּראָסטיקע פֿאַרע שלאָגט אים פֿון מויל, און דאָס אויפֿגעמונטערטע פֿערדל לאָזט זיך אין גיכן אַריין, באַגלייט מיטן לוסטיקן קלאַנג פֿון גלעקל.

אונזער גאַנצע אַרבעט איז איצט איבערגעטראָגן אין קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן. פֿאַרזאַמלונגען, קרייזלאַך, זיצונגען פֿון דער „סכאָדקע“. פּרייטיק־צו נאַכט איז בא אונז די זיצונגען פֿון דער „סכאָדקע“.

איך האָב ליב די פּרייטיק צונאַכטן. אַלע מענטשן ווערן עפּעס ווי דערהויבן אין יענעם־אָוונט. מען טוט זיך אויס פֿון די געוויינלאַכע וואָכעדיקע זאָרגן, כאָטש איינמאָל אין וואָך.

דאָס עסן פּטר איך אָפּ אַף גיך און הייל זיך אַוועק דורך די פֿאַרשנייטע גאַסן צום אויבערשטיבל. בא יאָסלען אין שטוב איז היינט אויך מער אויפֿגעראַמט ווי אַלע מאָל... די שמועסן זענען גרינג, אויפֿגעלייגט. צאַלקע ווייסענבערג קומט אָן. ער האָט פֿולע קעשענעס מיט נייס צו דערציילן. ער האָט געקריגן אַן אומלעגאַלן פּאַס פֿאַר אַלטער ראַבינאָוויטש, וואָס איז ערשט פֿון אונז אַוועקגעפֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט.

צאַלקע דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט „בלאַט“ מיטן סטאַראָסטע פֿון ראָזשנאַי. אָ, דער סטאַראָסטע ווייס גוט וואָס ער האָט צו טאָן: כדי צו קריגן אַן איבעריקן פּאַספּאָרט, מאַכט ער לעבעדיק די געשטאָרבענע, אַריינשרייבנדיק זיי צוריק אין די ביכער.

„מיט אזא פאספּאַרט קענסטו פאָרן רואיק און זיכער איבער גאַנץ רוסלאַנד". רופט אוים צאַלקע גאוה'דיק.

ביילקע די פריקאזטשיצע קומט שפּעטער פון אלעמען זי איז פארנומען איבערן קאָפּ מיט ארבעט אין אָר־גאניזאציע. נאָר יאָסל דער סטאָליער קוקט אַף איר מיט א קרומען קוק; איבער איר היינגט די באשולדיקונג, אז באם איינטאָגיקן אלגעמיינעם סטרייק, וואָס מיר האָבן דאָ ניט לאנג ארויסגערופן — אלס פּראָטעסט פאר ארעסטירן אונזערן א חבר — איז ביילקע געזעסן אין שטוב. און אָפּגערעדט איז געווען, אז אלע חברים זאָלן זיך געפינען אין גאס, כדי דער סטרייק זאָל אָנזעענדיקער זיין.

באלד נעמען מיר זיך צו דער ארבעט. דער טאגעס־אָרדנונג איז גרוים: ביבליאָטעק, קאסע, קרייזן פאר אנטוויקלונג, אָנ־נעמען נייע מיטגלידער, סטרייקן. דער פונקט — אָנצונעמען נייע מיטגלידער פארנעמט א סך צייט. מען באטראכט דעם פאָר־געשלאָגענעם מיטגליד פון אלע זייטן, צי איז ער אָרנטלאך, ווי פירט ער זיך אויף? צי ער איז שוין געגוג באוואוסטזיניק. מען געפינט אין אים טויזנט חסרונות, און עס בלייבט מען זאָל אים נאָך ווייטער אניטירן.

איצט איז מען באם באריכטן וועגן אונזער קולטור־אר־בעט אין דער אָרגאניזאציע:

„דער פארלאַנג נאָך וויסן איז גרוים. אלץ נייע קרייז־לאך ווערן געגרינדעט אַף צו אנטוויקלען אונזערע מיטגלידער. אונז פעלן אוים טעאָרעטישע קרעפטן".

— „א שאָד אלטער ראבינאָוויטש", — האָט זיך אימעצער אָפּגערופן.

— „אין ב. נויטיקט מען זיך נאָך מערער אין מענטשן".

— „מען זאָגט אלטער איז דאָרט אריין גלייך אין קאָמי־טעט"

נאָר יאָסל דער סטאָלער האָט ניט דערלאָזן צו קיין זייטיקע שמועסן:

— „לאָמיר בעסער ריידן פון דעם, וואָס עס איז דאָ צו טאָן“. ער איז, ווי אַלע מאָל, דער מענטש פון גלייכן שכל, און מען קען זיך אָפּ אים פאַרלאָזן, ווי אָפּ אַן אייזערנער וואַנט.

צאַלקע לייגט פאָר, אַז מען זאָל צוציען מער קרעפטן פון די אינטעליגענטישע קרייזן. און ביילקע די פריקאָזטשיצע נעמט אַ וואָרט: זי איז אינגאַנצן איינשטימיק מיט חבר צאַלקע:

— „קאַרל מאַרקס האָט אויך געזאָגט אַז מיר קענען צוציהען די עלעמענטן, וואָס שטייען צווישן די אַרבעטער און די קאַפּיטאַ־ליסטן“.

צום סוף גייט די קאַסע, עפּשטיין דער העברעאישער לערער, גיט אָפּ דעם באַריכט.

עפּשטיין, דער העברעאישער לערער, איז אַן אַלטער בחור, דאָס פּנים איז בײַ אים איינגעקנייטשט אין טיפע פאַלדן. מען קען אָבער ניט זאָגן דאָס זעלביקע וועגן זיין קאָסטיום. זיין קאָסטיום איז אויסגעפּרעסט גלאַט אַזוי ווי ערשט פון שניידער. זיינע באַ־וועגונגען זענען אויך גלאַטע און פּינקטלאַכע, עפּשטיין איז זייער אַ פּינקטלאַכער מענטש און ער פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן זכרון. ער געדיינקט, וואָס עס איז געווען מיט 10 יאָר צוריק אין דעם און דעם טאָג.

— „אַזוי פיל שניי האָבן מיר שוין ניט געהאַט זינט“...

און ער רעכנט אויס אַקוראַט אין וועלכן יאָר דאָס איז געווען.

שלעכט איז נאָר מיט זיין האַנט געבן. ער גיט ניט די האַנט ווי מיר אַלע — מיט אַ פעסטן וואַרימען דריק, וואָס זאָגט אַזוי פיל — עפּשטיין לייגט דיר אַוועק זיין האַנט אַ קאַלטע און אַ פייכטע, נאַ, טו מיט איר וואָס דו ווילסט, ער מישט זיך ניט.

סלאָנים, מאַרט.

ס'איז געשען אן אומפאַרשטענדלאַכע זאַך: אַן אָפּאָזיציע אין אונזערע אייגענע רייען. עטלאַכע אומצופרידענע מיטגלידער האָבן אָרגאַניזירט אַרום זיך אַ גאַנצע גרופּע און אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען צו דער פירערשאַפט פון דער „אָרגאַניזאַציע": פאַר־וואָס מען גיט ניט געוווּג „לערע", פאַרוואָס די „סכאָדקע" נעמט אַליין אָן באַשלוסן, ניט פרעגנדיק די מיינונג פון אַלע מיטגלידער, און נאָך און נאָך, אַ גרויסע אומצופרידנקייט איז אויך געווען קעגן דער אינטעליגענץ. איינער שפּילט פידל אַנשטאָט צו לער־נען בעסער מיט אַ קרייזל אַרבעטער, און נאָך איינער פאַרענט־פערט ניט גוט אַ פראַגע.

די גאַנצע אַרבעט האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן צוליב אָט־דעם טרויעריקן פאַל. מיר האָבן אין אנהויב נאָך גוט ניט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט: ס'איז גערופן געוואָרן אַן עקסטרא זיצונג פון דער „סכאָדקע", מען האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ מענטשן צו זייערע פאַרזאַמלונגען און זיך דורכריידן מיט זיי. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר. איך בין געווען זייער דערשלאָגן פון דער גאַנצער געשעעניש, ניט געוואוסט ווי אַזוי מען רעדט אויף אַ גרוי־סער פאַרזאַמלונג, אָבער איך האָב געמוזט אויספאָלגן דעם באַ־שלוס, אַזוי האָט געפאָדערט די דיסציפּלין.

אין קליינעם שטיבל בײַ הערשל סופר איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, אַלע מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע. איך האָב דאָ געזען עטלאַכע סופרים, חברים פון מיין קרייז, אָבער זיי האָבן אָפּ־געקערט פון מיר זייערע בליקן. איך בין אַרויף אין דער הויך אויף

א באנק, כדי צו אָנהויבן מיינע רייד. מיר האָט זיך געדוכט איצט, אַז ניט קיין פּנימער׳ זע איך, נאָר איין גאַנצע אומצופרידע־נע, רווישנדיקע מאַסע. איך האָב אָנגעהויבן:

— „חברים, אויב איך אַלעמען איז טייער אונזער אי־דעאַל, אונזער באַוועגונג"... צו מיין געהער האָט זיך דערטראָגן עפּעס א געברום און דערנאָך אייניציקע אויסרופן:

— „גיט אונז מער לערע!"

— „דעספּאָטקע!"

— „זאָל זי ריידן, לאָזט איר ריידן!"

— „מיטוואָס פאַרנעמט זיך די אינטעליגענץ?" —

איך האָב געפילט, אַז איך רייד ניט וואָס מען באַדאַרף, אויף מיר איז אָנגעקומען א צעמישונג: דערנאָך האָב איך געהערט זיך אליין ריידן:

— „חברים, אָט שטיי איך דאָ פאַר אייך, איינע פון די, קעגן וועמען איר פּראָטעסטירט אזוי שטארק"... — און נאָך עפּעס האָב איך גערעדט, שטיקלאך אָפּגעהאַקטע פראַזן. נאָר מיטאמאָל האָט זיך מיר געדוכט, ווי איבער דער מאַסע גייט דורך עפּעס אַן ענדערונג. דער געברום האָט אויפגעהערט, עס איז געווען ווי נאָך א גרויסע פאַרפּלייצונג, ווען דער וואַסער הויבט אָן שלאָגן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, איך האָב אָנגעהויבן זען צווישן עולם פריינטלאַכע פּנים׳ער, באַקאַנטע און אַזעלכע ליבע; דער־נאָך האָב איך געזען אָנקומען יאָסל דעם סטאָלער און ביילקען. זיי האָבן אויסגעהערט די אייניציקע טענות פון די מיטגלידער פון דער „אָפּאָזיציע"; נאָר איך בין שוין עפּעס געווען ווייט פון דאָס אַלץ. איך האָב געפילט אינגאַנצן באַרואיקט און מער האָב איך שוין גאָרניט פאַרלאַנגט פון קיינעם.

הערשל דער סופר איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

— „ווען וועלן מיר האָבן אונזער קרייז?"

— „איר, נאַרישער אינגל" — האָב איך געענטפערט לאַכנ־דיק — אזוי פיל צייט פאַרלאָרן אומזיסט."

— „מיר וועלן עס אָניאָגן", האָט ער געענטפערט פאַרשעמט, און חבר׳יש מיר געדריקט די האַנט.

מיר גיבן ארוים א פראָקלאַמאַציע.

עס איז פאַר פּסח, אין די „פּאָדריאַדן" באַקט מען מצה, הונדערטער וועלגערקעס ארבעטן דאָרט צו 15—16 שעה יעדן טאָג. און עס ווערט באַשטימט ארויסצורופן זיי אין א סטרייק. די פראקלאַמאַציע איז אָנגעשריבן און דורכגעקוקט פון דער „סכאָד־קע". א סופר שרייבט עס איבער מיט העקטאָגראַפישע טינט, אין פיינע געדרוקטע בוכשטאַבן.

ווער האָט דער ערשטער געגעבן צו וויסן אונז פון א העקטאָ־גראף? ס'איז ניט באַוואוסט, נאָר עס איז פאַראַן צאַלקע ווייסענ־בערג, וואָס ווייס ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט א ביקס און פון וואָס פאַרא מאַטעריאַלן עס איז צוזאַמענגעשטעלט א באָמבע, האָט ער איינגעקויפט אין אַפּטייק עטלעכע מינים פון עפּעס אומבאַוואוס־טע זאַכן. דערנאָך זענען מיר — עטלעכע נאָנטע חברים — גע־קומען אין אונזער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, דאָרט האָט מען געמאַכט א פייער און אין א פענדל האָט זיך עפּעס זייער לאַנג געקאָכט, צאַלקע האָט קיינעם ניט געלאָזט צוטרעטן צום פענדל. אַז דאָס „געקעכץ" איז פאַרטיק געוואָרן. האָט ער די גאַנצע שי־טערע מאַסע אריינגעגאָסן אין עפּעס א פלאַכע בלעך, ס'זאָל זיך אויסקילן.

מיר אַלע זענען געשטאַנען ארום דער בלעך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און מיט קלאַפּנדיקע הערצער. צאַלקע האָט פייערלאַך אָנגענומען דעם געשריבענעם „אָריגינאַל" און ארויפגעקלעפּט עס אויף דער פאַרקילטער מאַסע, און דערנאָך אַראָפּגענומען עס צוריק.

— „איצט וועט שוין גיין". און עדערער, ווער עס האָט נאָר

געוואָלט, האָט געקענט אַרויפליגן אַ ליידיקע בלעטל און אָראָפּ־נעמען אַ געדרוקטע פּראָקלאַמאַציע.

מיר האָבן שיר ניט געטאַנצט פאַר פרייד, און אפשר צום צענטן מאָל האָבן מיר אַלץ געלייענט הויך אויפן קול:

„דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד".

און ווייטער אַ צווייטע קעפּל:

„צו אַלע סלאָנימער וועלגערקעס!"

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט פון אָפּדרוקן אַלע פּראָקלאַמאַציעס.

יאָסל דער סטאָלער און איך האָבן דאָס פּעקל אַוועקגעטראָגן אויף אַנאַנדער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, וואו עס איז שוין געווען אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט אויף צו פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציעס. חברה האָבן שוין געוואַרט אויף אונז מיט אומגעדולד. גאָלדע פון שוועבל־פאַבריק האָט אויסגעקליבן פאַר זיך דעם גרעסטן ראַיאָן.

— „איר וועט זיך ניט אָפּשרעקן, טאָמער וועט מען אייך פאַרהאַלטן?" — האָט געפרעגט באַ איר יאָסל דער סטאָלער.

— „זאָרגט זיך בעסער פאַר אייך אַליין" — האָט געענטפערט גאָלדע מיט איר שעלמישן שמייכל.

אָ, איך האָב איר גוט געקענט, די דאָזיקע גאָלדע פון שוועבל־פאַבריק.

אין דערהיים איז ניט אַלע מאָל געווען וואָס צו עסן. איר טאַטע איז געווען אַ וואַסער־פירער און איז שוין געווען צו אַלט צו קענען פאַרדינען פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. זיי האָבן גע־וואוינט אין אַ הייזל, וואָס איז געווען איינגעהויקערט פון אַלט־קייט. אין פאָרהויז איז געווען געמאַכט אַ פּלאַץ פאַרן פערד— זייער שפּייזער, און אין שטיבל האָט שטענדיק געשמעקט מיט פערדישע מיסט... און די קינדערלאַך האָבן ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום מעשיות — גיב זיי עסן!

— „אז מען קען זיי גאָרניט אָנקאָרמענען די פרעסערס!"— פלעגט ריידן גאָלדעס מאַמע, אַ הויכע אידענע מיט אַן איינגעפאַ־

לענער ברוסט. זי פלעגט שילטן מיט טויטע קללות. אף דעם געביט איז זי געווען זייער דערפינדעריש.

גאָלדע פלעגט דעמאָלט קוקן אף איר מאמען מיט פאראכ־טונג:

— „די אידענע האָט זיך שוין צעשריען, קומט לאָמיר אוועק־גיין פון דאַנען", — פלעגט זי צו מיר זאָגן. און אמאָל ארויס־גייענדיק אפן גאס, פלעגט זי וואויל־יונגעריש א מאַך טאָן מיט דער האַנט:

— „כ'האָב דאָס אלץ אין ד'רערד!" — און פלעגט לאכן מיט איר שעלמישן געלעכטער.

סלאָנים, 6טן יוני.

אונזער ארבעט פארשפרייט זיך וואָס ווייטער, אלץ מער. צו אונז קומען שילער און גימנאזיסטקעס און בעטן אונז:

— „גיט אונז ארבעט". —

נאָר מיר זענען פּאַרזיכטיק מיט זיי און נאָר די בעסערע קלייבן מיר אוים און נעמען זיי אריין אין אָרגאניזאציע. ווי איך באַ־דויער זיי, ווי אָרים און פוסט מוז זיין זייער וועלט. אויסער דער באוועגונג: אָן א ציל און אָן א וועג!

צו אונז איז צוגקומען א נייער טוער אין אָרגאניזאציע — לייבטשיק דער מאלער. דער קאָמיטעט האָט אים אונז אריינגע־שיקט. שבת האָט ער דאָ צום ערשטן מאָל בא אונז גערעדט.

דאָס איז געווען א פארזאמלונג פון גרוים וויכטיקייט, ווי אַן אויספּרואוו פון אונזערע כחות. ד מאסע אין וואלד איז געווען אזוי גרוים, מיט קיין אויג ניט ארומצוכאפּן. איך האָב דאָ געזען עלטערע מענטשן מיט בערד און מיט אָן אויפגעמונטערטן אוים־זען, און יונגע, מיט ערנסטע פּנים'ער און בליצנדיקע אויגן; און אלעמענס אויגן זענען געווען צוגעשמידט צו איין פונקט, — דארט וואו עס איז געשטאַנען אף א פּיען אונזער רעדנער, לייב־טשיק דער מאלער. איך בין געשטאַנען פון דערווייטנס, כדי אָנ־צוקוקן די מאסע אין איר גאנצער גרוים. צו מיר האָט זיך דער־טראָגן די שטים פון אונזער נייעם חבר.

ווי ער קען דאָס ריידן! זיין שטים קלינגט שאלנדיק, זי טראָגט זיך איבערן וואלד פון בוים צו בוים, ווי אָנזאָגנדיק נייע בשורות און עס דוכט זיך די בוימער שעפּטשען:

— „הערט, הערט!"

...„אין אויסלאנד האָבן די ארבעטער שוין דאָס לאַנג פאר־שטאַנען. פּאָליטישער קאמף איז דער רוף פון אונזער צייט. ווער פון אייך קען איצט אויסמיידן דעם דאָזיקן רוף? א קליינער הייפל אומווירדיקע מענטשן רעגירן איבער דעם לעבן פון א פאָלק; זיי האָבן דאָס לאַנד געבראַכט צו גרונט מיט זייער פירונג. לאָ־מיר ארויסנעמען די מאכט פון זייערע הענט און לאָמיר זיך לער־

נען אליין דערגידן, דאָס וועט אונז צונויז קומען אין דער צוקונפט, ווען מיר וועלן זיין גרייט איבערצונעמען אלע רייכטימער פון דער וועלט. די רייכטימער וואָס מיר האָבן מיט אונזערע הענט גע־שאפן!"

אזוי האָט ער געענדיקט. די מאסע איז נאָך אווילע געשטאַ־נען שטיל, דערנאָך האָט זי זיך געגעבן א טרייסל אויף, ווי נאָך א לאנגן היפּנאָז, און זיך גענומען ארומקוקן, מיט באוואונדערונג. דערנאָך האָט מען זיך צעשאָטן איבער אלע וועגן פון וואלד און די היציקע גערײדערייען האָבן אָפּגעקלונגען פון דער ווייט.

איין גימנאזיסט, א הויכער, מיט א גוף וואָס איז ארויסגע־וואקסן פון זיינע קליידער, האָט אָנגענומען א בוים מיט אלע כחות, ווי ער וואָלט אים וועלן ארויסרייסן מיטן וואָרצל.

צו יאָסל דעם סטאָלער איז צוגעגאנגען א יונגער מאן מיט גאָלדענע ברילן און מיט אן איידעלן אויסזען און געדריקט אים די האנט מיט עפּעס א באזונדערער באדייטונג:

— „איך האָב אזוי געוואָלט מיט אייך ריידן, גיט מיר עפּעס אן ארבעט א ריזיקאלישע, א שווערע!"

יאָסל דער סטאָלער האָט זיך צוגעקוקט צו זיין האנט — אזא שמאָלע און א בלייכע,—ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „וואָס קענסטו מיט אזא האנט אויפטאָן?" און האָט געענטפערט אומבאשטימט:

— „גוט, מיר וועלן זען".

גאָלדע פון שוועבל־פאבריק האָט ארומגענומען עטלאכע מייד־לאך פאר איין מאָל און איז אוועק מיט זיי איבערן וואלד מיט א געזינגעריי. אין איר ליד האָט זיך געפילט עפּעס פרימיטיוועס, וואָס האָט דערמאָנט אָן רוסישע פעלדער און סטעפּעס.

רייבאוו

ליבעטשיק דער מאלער האָט געבראַכט מיט זיך דעם אָטעם פון דער גרויסער שטאָט, דאָרט וואו דער פולס פון דער באַוועגונג שלאָגט שטאַרקער. ער איז דורכגעגאַנגען די שול פון „בונד“ און מיר האָבן געגנוג וואָס פון אים צו לערנען.

אין אָוונט, ווען מען ווערט באַפרייט פון דער אַרבעט, קומען מיר זיך צענויף א גאַנצע חברה צו ליבעטשיקן אין צימער; ער זיצט איבער א באַרג צייטונגען, דעם קאָפּ אַריינגעטאָן אין עפּעס אַן אַרטיקל, און די קעשענעס זענען אויך בא אים אָנגעפּאַקט מיט צייטונגען און ביכלאָך.

ער איז א קליינינקער מיט א גרויסן געקרייזלטן קאָפּ. מיט א פּנים וואָס האָט אין זיך עפּעס „נשמה׳דיקעס“. און ער רעדט מיטן „ס“, „מענצן“ און „סטעט“. אַז ער דערזעט אונז, שפּרינגט ער אויף מיט א ברייטן „ברוך הבא“. יעדערער פון אונז וויל דער ערשטער אָנהויבן ריידן צו אים. נאָר אָט האָט א חבר אים אָנגעהויבן דערציילן עפּעס א לאַנגע פּאַרפּלאָנטערטע געשיכטע; ליבעטשיק שמייכלט אַוויילע און דערנאָך שטעלט ער אים אָפּ אין מיטן ריידן מיט א טאָן, וואָס עס פילט זיך דאָרט הומאָר:

— „סוין געגנוג, איר מוזט ניט קאָנצען ביזן סוף“ —

— „איר ווייסט, ליבעטשיק“, — זאָגט שאַיע דער סופר, — אָט־דער וואָס מען זאָגט אַף אים, אַז ער אַגיטירט אפילו די בוי־מער פון דאַמבע,—„איך אַגיטיר איצט מיין באַלעבאָס און ער שטעלט שוין גאָר נישקשה,דיקע פראַגן“.

— „אַזוי? — פרעגט ליבעטשיק — ווי־זשע שטימט עס מיט אייער באַוואוסטזיין פון קלאַסנקאַמף?“ — ער האָט גענומען אומ־רואיק שפּאַצירן הין און צוריק איבערן צימער.

— „קלאָרקייט!“ — האָט ער אויסגעשריען, — „אָ, דאָס

איז דאָס וואָרט", — האָט ער זיך דערפרייט ווי ער וואָלט זיך דערטראַכט צו אַ נייעם געדאַנק.

— „דירעקטע און קלאָרע געדאַנקען, אויסגעדריקט קורץ, דאָס דאַרף זיין דער שטריך בא אַן אמת'ן פּראָלעטאַריער. אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף קענען דיסציפּלינירן זיין געדאַנק". — ער האָט זיך איינגעקוקט אין אונז אַלעמען מיט קורצזיכטיקע אויגן און דער שטערן האָט זיך בא אים גענומען קנייטשן.

— „מענטשלאַך, מאַכט פריער אַ רעוואָלוציע בא זיך אין מוח!" —

איך האָב וועגען אים געטראַכט: דאָס איז דער מענטש, וואָס זיין געדאַנק אַרבעט מיט גרויס מי, אָבער זעלבסטשטענדיק. אָן זייטיקע הילף דערטראַכט ער זיך צו יעדן פּראָבלעם און דערגייט אַליין דעם ענטפער.

— „וואָס שווייגט איר?" — האָט ער זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטאָן צו מיר. מיר האָט זיך געדוכט אַז זיין באַוועגונג איז געווען אַביסל צו אומגעלומפּערט, און כ'האָב זיך ניט ווילנדיק צעלאַכט.

— „אָט־דאָס וואָס איך קען ניט פאַרשטיין". — האָט לייבטשיק אַרויסגערעדט מיט באַדויערונג, — „וואָס לאַכן זיי, די מיידלאַך? זיי מוזן דאָך עפּעס מיינען דערמיט!" — און ווידער האָט זיך זיין שטערן געקנייטשט און אַן אומבאַהאָלפענער אויסדרוק איז איצט געווען אין זיין גאַנצער פיגור.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין לייבטשיק ווידער געזעסן איבערן אַרטיקל אין עפּעס אַן אויסלענדישן זשורנאַל.

— „מען דאַרף נאָר האָבן אָפענע אויגן צו זען ווי דאָס לעבן אַליין לערנט אונז צו פאַרשטיין זאַכן". — האָט ער זיך אָפּגעוועגט פון זשורנאַל. — „די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט איצט אָנגענומען דעם זעלביקן באַשלוס וואָס דער „בונד" שוין לאַנג, — אווטאָנאָמיע פאַר אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּאַרטיי. וואָס וועט איצט זאָגן די „איסקראַ?" —

— „ווי קומט עס וואָס אונזערע אייגענע ברידער־סאָציאַ־

ליסטן קענען אונז ניט פארשטיין?" — האָט געפרעגט אַרע דער ישיבה־בחור, און עס האָט זיך געפילט ווי ער רעדט מיט וויטאַק.

זינט דער „בונד" איז אַרויס פון דער פּאַרטיי, פילט אַרע, ווי די זעלביקע פראגע עגבערט שטענדיק זיין מוח. דער „בונד" איז אויסגעוואקסן, האָט פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערן גייסט אין אַלע ווינקעלאך פון אידישן תחום — און די רוסישע פּאַרטיי זעט דאָס אַלץ ניט איין.

— „די „איסקרא" איז נאָך ניט דער אויסדרוק פון די רו־סישע אַרבעטער — איז געווען ליבעטשיקס ענטפער. — דאָס זע־נען אַ גרופּע אינטעליגענטן, גראַדליניקע, זיי שרעקן זיך פאַר דעם וואָרט „נאַציאָנאַל", ניט ווייסנדיק די באַדייטונג דערפון. געוויס, פאַר זיי עקזיסטירט אינגאנצן ניט אַזאַ פראַגע. אָבער דער „בונד" וועט זיי שוין געבן צו פאַרשטיין. ווער דען, אויב ניט מיר, דאַרף אוועקשטעלן די פראַגע פון אווטאָנאָמיע אין איר גאַנצער קלאָר־קייט?" — ער האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ, און ווידער איז מיר געקומען אויפן זינען דאָס גרויסע וואָרט:

„די אַרבעטער דאַרפן נעמען די זאַך אין זייערע אייגענע הענט".

***

מיר פאַרקלייבן זיך — איך און ליבעטשיק — אין אַרכיוו אַ האַ גאַנצן טאָג צו לייענען. פון די „צוקונפט" און „אידישן אַרבעטער" קריגן מיר גענוג מאַטעריאַל, וואָס מיר גרייטן דערנאָך צו פאַר אַ רעפעראַט, צי פאַר אַ דיסקוסיע. מיר אַרבעטן לאַנג צו־זאַמען. עס איז אונז שווער צו אייניקן אונזערע מיינונגען אין אַ סך פּונקטן. און אַז די אַרבעט איז געענדיקט מיט דערפאָלג, דער־פילן מיר זיך אַזוי דערהויבן, יום־טוב'דיק. ליבעטשיק שפּרינגט אויף אַן אויפגעמונטערטער, און ער קוקט מיט אַ בייַנקענדיקן בליק אין דער ווייטקייט אַריין.

— „לאָמיר אוועקפאָרן פון דאנען, אין ביאַליסטאָק צי אין ווילנע, איר ווילט?“

און איך ענטפער אין אנקלאנג מיט מיינע אייגענע געדאנ־קען:

— „לאָמיד אוועקפאָרן פון דאנען, יע, פאַר מיר איז עס שוין לאנג צייט“.

לאזאווע, מינסקער גובערניע.

בא מיין פעטער צו גאַסט.

איצט בין איך אין דער הערשאַפט פון וועלדער. מיין פעטערס הויז איז דאָס איינציקע אין אָט־דעם וואלדיקן געגנט. פון הויז ציט זיך א פרייער פלאַץ, וואו עס שטייט אויסגעבויט עפּעס א מין טורעם, מיט א משונה'דיקן אויסזען. — דאָס איז דעם פעטערס פאבריק, די „סמאָלנע". דער ריזיקער אויוון אינווייניק דאָרט איז געפּאַקט פול מיט קאָרטשעס, און טאָג און נאכט הייצט זיך דאָרט א פייער. דער פייער דארף צעברענען די קאָרטשעס, פון וואָס עס באקומט זיך טערפּענטין, סמאָלע און נאָך אַנדערע ארטיקלען. דער גאנצער פלאַץ ארום איז פארלייגט מיט קוילן, מיט האָלץ און מיט קאָרטשעס. דאָס איבעריקע איז אלץ וואלד. נית ווייט פון הויז ציט זיך א וועג, „דער לאַאישינער וועג", וואָס שניידט זיך אריין אין וואלד און פארלירט זיך דאָרט אין זיין טיפקייט. פון צייט צו צייט פאָרט דאָרט פארביי א פור. און מיט איר גערויש רייסט זי איבער אף א ווייל די אייביקע שטילקייט וואָס הערשט ארום.

מיין פעטער איז שוין אן עלטערער איד. ער האָט א נאָמען פאר א גרויסן לערנער, „א קלוגער קאָפּ". פירט גרויסע געשעפטן, און פאָרט ארום: דאָס אין דער נאָענטסטער שטאָט טעלעכאַן אָדער איבער די דערפער. מיין מומע איז א יחוס'דיקע, גווירעדיקע אידענע מיט א ברייטן פארטוך, און שטענדיק אן אומצופרידענע. זי איז איינמאָל, צוליב עפּעס אַן אָפּעראַציע, געוועזן אין אויסלאַנד, אין פראנקפורט-אם-מאין. פון דעמאָלסט אָן טראָגט זי נית קיין פאַ־

רוק און עס געפעלן איר מער ניט די היגע פירונגען און ניט די מענטשן:

— „איך וועל שוין ליבערשט וואוינען דאָ צווישן די „פּאָ־לישוקעס"".

גאנץ פרי בין איך שוין באם סמאָלנע. מיטוש דער „פּארו־באָק", קריכט דאָ ארום מיט א לאנגן שטעקן אין האנט און פאַר־ריכט אַלע ווײַלע דאָס פײַער. ער גייט באָרוועס, אין א לאַנגן לײַ־ווענטענעם העמד איבער די קני, א שווײַגעדיקער. די האָר זענען בא אים ווילד צעוואקסן, זיי ציען זיך פון קאָפּ אין איין לײַנג מיט דער באָרד, און די משונה'דיקע ברעמען הײַנגען אריבער איבער די אויגן. מיד באגריסן זיך אפּן וואונק.

אָט בין איך שוין אַריבער די בערג מיט האָלץ, די קאָרטשעס, און איך דערנענטער זיך צום וואַלד. אין א ווײַלע ארום בין איך שוין אין א קרייז פון גאוה'דיקע סאָסנעס, וואָס הויבן זיך אויף, ווי די זײַלן פון א וואונדערלאכן פּאַלאַץ. איך גליטש זיך איבער די טרוקענע, אראָפּגעפאלענע נאָדלען, און אָט איז א קאָוויאָר פון ווייכן גרינעם מאָך. איך קוק זיך אום אַף צוריק, די סמאָלנע איז פארשוואונדן פון אויג. מיך נעמט ארום א מאָדנער געפיל פון פרײַקייט. איך ווער אויפגעכאפּט און געטראָגן פון עפּעס א באַ־זונדערן כח אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד. טויזנטער וועגע־לאַך און סטעזשקעס שנײַדן דורך דעם וואַלד און צעגייען זיך אין אַלע ריכטונגען. איך טראָג זיך פאַר'כשוף'טערהייט איבער אָט־די אַלע וועגן, אָן א שום זינען. מיטאמאָל בלייב איך שטיין: א ברײַ־טער, דורכגעהאַקטער וועג צעשנײַדט דעם וואַלד אַף צוויי העלפטן — „א פּראָסיעקע" — און אין דער ברייט פון דעם וועג אָן אנ־דער פּראָסיעקע; אינמיטן א פּונקט, פון וואַנען עס צעגייען זיך די וועגן אין אַלע פיר זײַטן.

„דו האָסט פאַר זיך וועגן, וואָס צעגייען זיך אין אַלע פיר זײַטן" — טראַכט איך, און בלייב א ווײַלע שטיין.

אינמיטן טאָג.

דער וואַלד איז אײַנגעטונקט אין זון און ליכט.

קיין שום באוועגונג. עס שמעלצן זיך די בוימער פון היץ און טראָגן פאַרנאַדער אין דער לופט אַ שאַרפן זאַפטיקן ריח פון פעך. דער פעך טריפט טראָפנווייז פון די בוימער אויף דער ערד. אַלץ ארום האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און גייט אויס דרעמלענדיק אויף דער זון. איך גיי דאָ ארום פון בוים צום בוים און זוך אַן אָרט וואו זיך צוצושפּאַרן. די יחוס׳דיקע סאָסנע, וואָס ציט זיך נאָר אין דער הויך צום הימל, גיי איך פאַרביי. און איך קלייב זיך אויס די רייכע יאָלקע מיט די ברייט-פאַנאַנדערגעוואַקסענע שווערע צווייגן.

איך ליג אונטער דער שאָטנדיקער יאָלקע. די צווייגן בויגן זיך צו מיר איין און גלעטן מיר דאָס פּנים. דער הימל איז בלוי, בלוי. מיין בליק ווערט פאַרזונקן אין דער בלויקייט און פאַרבלענדט פון צו-העלן שיין. אַ מידקייט נעמט מיך ארום אינגאַנצן, אַן אַנגענעמע, זומערדיקע מידקייט. ערגעץ אין דער הויך וויגט זיך, סקריפּעט אַן אָנגעבראָכן צווייגל. אַנטקעגן אויף אַ בוים באַוועגט זיך אַ וועוועריקע. זי קוקט זיך אום פלינק אויף אַלע זייטן, ציט אויס איר פוכיקן עק און פאַרשווינדט צווישן די צווייגן. אַ פויגל האָט זיך דורכגעטראָגן מיט אַ געקוויטשעריי און האָט פאַרהילכט דעם גאַנצן וואַלד. און אָט איז געקומען צופליען אַ זשומענדיקע בין. זי האָט זיך אויסגעזוכט עפּעס אַ בלימל, זיך געפּאָרעט ארום דעם אַ לאַנגע צייט און אוועקגעפלויגן אַ זינגעדיקע צוריק. מיט אַמאָל טראָגט זיך דורך פון ערגעץ אַ ווינטל. דער וואַלד ניט אַ ציטער, אַ סוד ווערט איבערגעגעבן פון איין בוים צום אַנדערן, און לאַנג נאָך שושקען זיך דאָרט אינדערהויך די צווייגן, ביז זיי ווערן ביסלאַכווייז איינגעשטילט.

עס איז געווען איין טאָג, ווען איך האָב ארומגעוואַנדערט לאַנג און פאַרגאַנגען טיף אין וואַלד. פון דערווייטנס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז איך זע אַ געגנט, וואָס גרינט מיט זעלטענע געוויקסן. האָב איך זיך געלאָזן אַהין גיין. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן אַ סך ווייטער, ווי איך האָב געדיינקט, נאָר איך האָב זיך ניט אומגעקערט צוריק און אַלץ געגאַנגען פאַראויס. דער וועג האָט

זיך ביסלאכווייז פארלאָרן אין פּאַפּאַראַטניק און אַנדערעווילדע גראָזן. די ערד איז געוואָרן זייער פייכט, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ זומפּ. מיר איז אומהיימלאַך געוואָרן, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָב איך האַסטיק גענומען לויפן צוריק. קיין וועג האָט זיך ניט געזען. כ'האָב אָנגעהויבן גיין בלאָנזשענדיק. באַלד בין איך אַריין אין עפּעס גאָר אַ ווילדערניש. דער וואַלד איז דאָ געווען אַזוי געדיכט, ניט דורכצוגיין. דורכאַוס בלעטער־דיקע ביימער, די צווייגן משונה'דיק צונויפגעוואַקסן און איינגע־פלאָנטערט איינס אין אַנדערן. עס איז דאָ געווען כמעט פינסטער. אַן אומגעפאַלענער בוים איז געלעגן אויסגעצויגן מיט די צווייגן אַזוי ווי די לאַפּעס פון עפּעס אַן אומגעלומפּערטער חיה. זיינע וואָרצלען זענען געווען באַוואַקסן מיט ווילדע גליטשיקע שוואָמען. די גאַנצע ערד איז געווען באַדעקט מיט געלע צעפוילטע בלעטער און פון אויבן פאַרצויגן מיט עפּעס אַ געוועב. און ס'האָט געהערשט אַ שרעקלאַכע שטילקייט. מיט מיין אָנקומען האָט עפּעס אַ חיה'לע צי אַ פויגל זיך אויפגערירט און איז אַנטלאָפן מיט אַ רעש.

ס'האָט אויסגעזען, ווי עפּעס גאָר אַן אוראַלטער ווינקל, וואו קיין לעבעדיקער מענטש איז נאָך ניט צוגעקומען, און אַז די צייט האָט דאָ אָפּגעשטעלט איר גאַנג. אַ ווײַלע בין איך דאָ געשטאַנען פול אין איבערראַשונג און אַנגסט. די לופט איז געווען אַ דריקנ־דיקע. עס האָט זיך געוואָלט גיכער אַנטלויפן פון דאַנען צום ליכט, אַפן פרייען פעלד. מיט אַלע כחות האָב איך זיך גענומען לויפן צוריק, נאָר לאַנג נאָך האָב איך אַרומגעבלאָנזשעט, ביז כ'האָב דערזען אין איין אָרט לייכטן זיך אַ העלן שיין דורך די ביימער. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָרט ענדיקט זיך דער וואַלד. איך האָב זיך געלאָזט אַהין גיין. גאָר אומגעריכטערהייט האָב איך אָנגע־טראָפן אַף דעם „ברייטן לאַאישינער וועג", וואָס פירט צו דער „סמאָלנע", און אין אַ פערטל שעה אַרום בין איך שוין געווען אין דערהיים.

***

אין די אָוונטן, אַז דער פעטער איז ניטאָ אינדערהיים, זיץ

איך מיט מיין מומען אין צימער און הער זיך איין צו דער סודות־דיקער שטילקייט, וואָס ארום. די מומע איז פארטראכט, זי וויגט זיך פּאמעלאַך מיט איר גאנצן שווערן קערפּער, „כאַפּט די אויגלען" מיטן שפּיזל פון שטריקנדיקן זאָק און דערציילט מיר פון פראנקפורט־אם־מאַין און פון איר אומעטיקן לעבן אָן קינדער. מיר נעמט ארום א רחמנות צו איר. מיר ווילט זיך צו איר צוטוליען נענטער און זיצן מיט איר לאנג, און הערן אלץ נייע מעשיות. דער לאָמפּ ברענט העל, און פון דרויסן קוקט אריין א געדיכטע פינסטערניש דורכן פענסטער. פון דער זייט פון „סמאָלנע" מינעט דער שטענדיקער פייער פון אויוון. אז עס טראָגט זיך דורך א ווינט, צופלאקערט זיך דאָס האָלץ, און פון אויוון קריכן פייערדיקע צינגער ארוים. מיטוש שטייט מיט א לאנגן שטעקן און פּאָרעט זיך דאָרט ארום. ער איז אינגאנצן רויט־באַלויכטן און זעט אוים ווי דער טייוול פון גהינום, וואָס קאָכט גאנצע קעסלען מיט רשעים אף יענער וועלט.

ז

אז דער פעטער קומט צופֿאָרן, זיצט ער ניט איין אַף איין אָרט, ער מוז שטענדיק עפּעס טאָן. אָט פּראָוועט ער צו אַ טירל צום גאָרטן, וואָס באַם פענסטער, אָדער ער שטעלט אַריין אַ שויב אין פענסטער, וואו עס איז צעבראָכן. אז ניט, צענעמט ער דעם וואנט־זייגער אַף שטיק־שטיקלאַך, רייניקט דאָרט אוים אַלע שרייפעלאַך און שטעלט אים ווידער צענויף ווי געווען.

און מיט דער זעלביקער ענערגיע נעמט ער מיך מוסר'ן:

— „עס איז ניט קיין תכלית שטענדיק נאָר צו זיצן איבער דער נאָדל".

דאַמאָלסט קומט מיר אַפּן זינען די גרויסע אַרבעט, וואָס עס וואַרט אַף מיר אין דער באַוועגונג. איך ווער איבערפילט מיט שטאָלץ. איך פּראָוו זיך לייגן אַ בריק צווישן מיר און אים:

— „אָ, פעטער, ווען איר וואָלט נאָר ווימן".

— „נו גוט, דערציילט מיר בעסער ניט", זאָגט ער, האַלב אין כעס און האַלב שמייכלענדיק. און דער בריק ווערט ניט געלייגט, און דער תהום צווישן מיר און אים בלייבט ווי געווען.

אַמאָל נעמט מיך מיט מיין פעטער אַף זיין רייזע איבערן דאָרף. דאָס איז באַ מיר אַ גאַנצער יום־טוב, איך זיץ אַפּן וואָגן, דאָס פערדל אין אויסגערוטס, אַ זאַטס, לויפט מיט דראָבנע טריט איבער דער „קאָליעיע". דער פעטער גיט אים צו חשק, ריידנדיק צו אים כּלערליי גוטע רייד. די קאָליעיע איז האַרט באַם וואַלד, די צווייגן פאַרטשעפּען זיך אָן וואָגן און דראַפּען מיר דאָס פּנים. איך ווער זיך פון זיי מיטביידע הענט. אָט ענדיקט זיך אַף אַ ווײַלע דער וואַלד, עס ווערט העל־ליכטיק. פעלדער און גרינע לאָנקעס ציען זיך פאַרביי, ווי מיט שטיינגעס באַפּוצטע געוויקסן

פון כלערליי קאַלירן. און אַ ניגון טראָגט זיך אין דער לופטן פון אַן אומעדיק, וויברירנדיק רוסיש ליד. ערגעץ זיצט אַ פּאַסטוכל אונטער אַ בוים און פלעכט זיך לאַפּטשעס פון בעריאָזענע קאָרע. פאַר אים איז אויסגעשפּרייט אַזאַ אומענדלאַכע רחבות'דיקע וועלט, פונדעסטוועגן איז אַזוי אומעטיק זיין ליד.

אַט זענען מיר שוין ווידער אַריינגעפאָרן אין וואַלד. עס איז אַ לאַנגער, לאַנגער וועג, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף. עס ווערט נאַכט. דער פעטער שלאָפט איין, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן גוטן זכרון פון פערד: „ער וועט שוין אונז ברענגען, וואו מ'באַדאַרף".

איצט בין איך דאָ איינע אַליין. פון ביידע זייטן ציט זיך דער וואַלד, ווי די ווענט פון אַ פעסטונג. נאָר איך פיל ניט קיין שום שרעק, איך בין וואַך די אויגן זענען אָפן, און אפשר איז דאָס גאָר אַ חלום? איך בין שוין ניט מער אַ זאַך פאַר זיך, נאָר אַ טייל פון דעם גאַנצן רוים צוזאַמענגעגאָסן אין איינס. דער וואַלד, באַלויכטן פון לבנה־שײַן, זעט אויס ווי אַ פאַר'כשופטער געגנד מיט געהיימע פּאַלאַצן, באַ די טורעמס שטייען ריזן מיט געווער אין האַנט, און אין פייערלאַכער שטילקייט היטן זיי אָפּ די פּאַלאַצן. דאָס טייכל, וואָס זעט זיך דערביי, גלאַנצט ווי אַ שפּיגל. און ס'איז אויך פאַר'כשופ'ט פון לבנה־שיין.

אַ געבילעריי פון הינט זאָגט אָן אַז מיר זענען שוין אָנגעקומען אין דאָרף. די הייזלאַך, דאָ און דאָרט צעוואָרפן, זענען פאַרזונקען אין שלאָף. דאָס פערד שטעלט זיך אָפּ אַליין לעבן קרעטשמע. דער פעטער שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן און קלאַפּט אָן אין טיר. אַ אידענע, אַ האַלב־נאַקעטע, מיט אַ ליכט אין האַנט, לאָזט אונז אַריין אין שטוב. דאָרט איז אַ ליבע וואַרימקייט, עס שמעקט מיט פרישן ברויט; אויף אַ לאַנגער באַנק ליגן דאָ די לאַבנס אויסגעלייגט מיט די בייכער אַראָפּ און קילן זיך. די געלעגערס ווערן צוגעגרייט פאַר אונז. דאָס ליכט ווערט פאַרלאָשן, מיר גורן זיך איין און ווערן פאַרזונקען אין אַ געשמאַקן שלאָף.

***

שבת ווערט באַ אונז געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד. די מומע האָט זיך איר אייגענע פּרומקייט. באַ איר איז פאַרבליבן פון

אמאָל אָפּגעריסענע שטיקלאַך טראַדיציעס. אַ סך פון זיי האָט זי שוין פאַרגעסן און פון אַנדערע ווידער האַלט זי זייער שטאַרק. אַמאָל טייטשט זי אויס דעם דין פונקט פאַרקערט פון דעם, צוליב וואָס ער איז געוואָרן געשאַפן. אָבער פון שבת האַלט זי זייער שטאַרק. אַז דער פעטער פאָרט אין טעלעכאַן דאַנערשטיק, גיט זי אים מיט אַ גאַנצן צעטל וואָס איינצוקויפן לכבוד שבת. און אַליין באַקט זי פוטער־קיכלאַך און חלה און גרייט צו די בעסטע מאכלים.

פרייטיק דאַרף איך זיין דעם גאַנצן טאָג אין שטוב צו העלפן דער מומען אין דער אַרבעט: די מומע זאָגט, „זי קען זיך ניט צע־רייסן“.

פאַרנאַכט איז בײַ אונדז אַלצדינג צוגעגרייט אויף אויפנעמען דעם שבת. דער פעטער קומט באַצייטנס אַהיים. אין שטוב איז ריין, ציכטיק אין אַלע ווינקעלאַך. די פּאָדלאָגע איז אויסגע־וואַשן און פאַרשפּרייט מיט ראָגאָזשעס. אויפן בלאַנקען טיש די זיבן מעשענע לייכטער. דער ווינט פאָכעט מיט די ווייסע פאָר־האַנגלאַך אויפן פענצטער.

אויפן ברייטן וועג האָט פּייל־פון־בויגן דורכגעיאָגט זיך אַ פור, דאָס היילט זיך וועלוועל דער ישוב'ניק אַהיים. דער פעטער קוקט אים נאָך און רעכנט אויס, אַז ער וועט נאָך קומען פונקט צו ליכט־בענטשן.

די זון לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק אונטער די ביימער, דער פעטער איז אין דערוואַרטונג. ער רויכערט אויס דעם לעצטן פּאַ־פּיראָס און שוין, — דער שבת קומט אָן מיט ניט באַמערקטע טריט. אַ רו שפּרייט זיך פאַנאַנדער איבער אַלצדינג אַרום. די מומע שטייט איבער די אָנגעצונדענע ליכט, מיט די הענט צו די אויגן און שעפּטשעט שטיל. דענסטמאָל גיי איך אַרוים אין גערטל און זעץ זיך דאָרט נידעריק אויף אַ באַנק. באַלד דערהער איך שוין דעם ערשטן געזאַנג. דאָס דאַוונט דער פעטער מעריב.

ווי שיין עס קלינגט בײַ אים דער קבלת־שבת. ער דאַוונט דעמאָלט מיט עפּעס אַ באַזונדערן געפיל, דאָס איז באמת אַ ליבע־געזאַנג צו דער בת־מלכה, שבת, דורכגעדרונגען מיט כמעט אַ

ליידנשאפטלאכן טאָן. דעם העכסטן פונקט דערגרייכט עס יע־דער מאָל, ווען דער פעטער לאָזט אויס:

— „בואי כלה, בואי כלה".

און אַרום איז אַזוי וואונדערלאך שטיל, עס דוכט זיך, אַז די בוימער נעמען אויך אויף דעם געזאַנגג און שאָקלען זיך צו.

„שלום עליכם מלאכי השלום"! — דערהערן זיך פון שטוב פרייידיקע קלאַנגען. אַזוי ווי עס וואָלטן זינגען עטלאכע שטימען מיט אַמאָל. ניט ווילנדיק, שטעל איך זיך אָפּ אַ ווײַלע באַם שוועל. די לאָמפּען ברענען העלער ווי אַלעמאָל. עס רוט די שכינה. דעם פעטער איז ניט צו דערקענען, אָנגעטאָן אין די שבת'דיקע בגדים, די באָרד צעקאַמט, אַפילו די באַוועגונגען זע־נען בא אים איצט אַנדערע, רואיקערע. די מומע האָט אויך אויפגעשיינט: אין אַ ווייסע בלוזקע, די האָר גלאַט פאַרקאַמט. זי קוקט שוין גאָרניט אויס אַזוי ברוגז'דיק ווי אַלעמאָל.

נאָכן קידוש גרייט מען צום טיש. דאָס עסן גייט אַרי־בער זייער פרייילאך. דער פעטער זינגט זמירות נאָך יעדער פּאַטראַווע און די מומע ברומט אונטער. און אויך מיר ווילט זיך מיטזינגען, ווען איך וואָלט זיך נאָר ניט געשעמט. די לעצטע זמירות זינגט שוין דער פעטער מיט אַ שלעפּערדיקן קול. די ליכט לעשן זיך און די גאַנצע שטוב שלאָפט איין אין אַ רואיקן שבת'דיקן שלאָף.

אַף מאָרגן, גאָר אין דער פרי, אַז איך ליג נאָך האַלב פאַר־שלאָפן, דערטראָגט זיך שוין צו מיר מיין פעטער'ס קול, דאָס לערנט ער גמרא. און פון דעם נגון ווערט מיר עפּעס אַזוי וואויל. דער דאָזיקער נגון איז מיר נאָענט און פאַרשטענדלאך, כאָטש איך האָב אים קיינמאָל ניט געהערט. נאָר אפשר פון דורות־לאַנג איז ער איבערגעגאַנגען צו מיר.

איך כאַפּ אַ קוק צום פעטער אין צימער, וואו ער לערנט. ער זיצט, די יאַרמולקע אַרויפגערוקט, דער גאַנצער שטערן איז אַנטפּלעקט און דער טייל, וואָס איז אַלעמאָל פאַרשטעלט מיטן

היטל, איז ווייס ווי שניי. ער איז פאַרטאָן אין אַ האַרבן ענין פון גמרא און באַמערקט מיך גאָרניט.

נאָכן עסן זעצט זיך די מומע לייענען דעם טייטש־חומש אַפן קול און מיט אַ ניגון. דער פעטער כאַפּט אַ דרעמל.

אַמאָל קומט צו אונז צוגאַסט וועלוול דעם ישוב'ניקס גאַנצע פאַמיליע. דער שמועס גייט שטענדיק וועגן מסחר און וועגן דער גערעטעניש אַף די פעלדער. די קינדער מיט ווייסע האָר און מיט זומער־שפּרינקלאָך אַפן פּנים קוויקן זיך מיט די פּאַר־שיידענע מאכלים, מיט וועלכע די מומע איז זיי מכבד.

נאָך הבדלה קומען זיך צונויף די פּויערים פון די דערפער וועגן אַ רעכענונג פאַר די קאָרטשעס, וואָס זיי גראָבן די גאַנצע וואָך. דער פעטער זאָגט „זיי זענען כיטרע גענוג": שבת, ווען זיי מיינען, אַז קיינער וועט ניט אַכטונג געבן, וואָס פאַרא קאָר־טשעס זיי ברענגען, ווערט אַ געפּירערייי מער ווי אַלע טאָג. נאָר דער פעטער ווייס אויך, וואָס ער האָט צו טאָן און זאָגט צו יע־דערן פון זיי:

— „טי מיסלעש יאַ ניע באַטשיל"? (דו מיינסט, אַז איך האָב נישט געזען?)

דאָס חשבונ'ען זיך מיט זיי קומט אָן זייער שווער. אַמאָל, אַז דער פעטער האָט שוין איינגע'טענה'ט מיט זיי און באַ־וויזן וויפיל זיי קומט, טרעפט זיך, אימיצער אין דרויסן הויבט אָן שפּילן אַף אַ האַרמאָניקע, אַלע מיט אַמאָל לויפן אַרויס „פּאָדיוויטסאַ" און מען מוז ווידער אָנהויבן דעם חשבון אויפסניי.

די מומע פילט דאָמאָלס זייער שלעכט, זי גייט אַרום אַ צע־קאָכטע:

„וואָס די מוזשיקעס מאַכן איר פון שטוב!" ס'איז איר שווער צו אָטעמען, זי גיט אָן עפן די פענסטער דעמאָנסטראַטיוו און קוקט בשעת מעשה אין דער זייט פון די פּויערים מיט אַ בייזן קוק.

ענדלאָך צעגייען זיך די פּויערים, אָבער אין שטוב איז שוין ניט אַזוי היימלאָך: דער פעטער זיצט פאַרטראַכט, אַ

פארבאהאלטענער אומעט קוקט ארויס פון אלע ווינקעלאך. דאס איז שוין צוריק אנגעקומען די וואך.

***

איינמאל שבת, זאגט צו מיר דער פעטער:

— „ווייסט, דבורה'לע, שבת האסטו געמעגט זיצן אין שטוב, און ניט ארומיאגן זיך איבערן וואלד משוגע'נערווייז".

— „וואס וועל איך טאן אין שטוב?" — פרעג איך אים.

— „אט וועסט לייענען דעם טייטש־חומש, זאגן א קאפיטל תהילים, און, אגב, וועסטו ניט פארדינען קיין עבירה. איך ווייס, מען ברעכט אפ א צווייגל, מען רייסט אפ א בלעטל אום שבת. ביזט דאך עפעס געווען אמאל אזוי פרום".

דא האט זיך מיר שטארק געוואלט באווייזן דעם פעטער, וואס איך האב פון דאמאלסט אן געלערנט, און איך רוף זיך אפ:

— „היינט הייסט שוין ניט קיין עבירה אפצעברעכן א צווייגל אום שבת, אדער צום ביישפיל מאכן פייער, דאס איז אליץ געווען אמאל, ווען די מענטשן האבן געדארפט שווער ארבעטן צו מאכן פייער, זיי פלעגן דארפן רייבן א שטיין אן א שטיין".

דער פעטער קוקט, קוקט אף מיר, און דערנאך פלאצט ער אויס אין א גרויסן געלעכטער:

— „אזוי, אט די תורה לערנט מען דאס בא אייך?" — ער האט געוואלט נאך עפעס זאגן, נאר ער האט זיך אפגעהאלטן, געגעבן א מאך מיטן האנט און ארויסגערעדט:

— „וואס האב איך מיט דיר צו ריידן, אז דו וואלסט קענען לערנען..."

***

איינמאל האט מיין פעטער דערציילט, אז עס דארפן קומען פויערים צו אונז פון דארף אנצולייגן דעם אויוון מיט פרישע קארטשעס. מיט אומגעדולד האב איך שוין ארויסגע-

שוקט אף דעם טאָג. איך האָב צוגעגרייט פּלענער ווי אַזוי איך וועל מיט זיי רעדן וועגן זייער לאַגע און ווי איך וועל זיי אַגי־טירן. עס קען דאָך זיין, אַז זיי ווייסן שוין אויך פון עפּעס אַ באַוועגונג.

און אָט איז געקומען דער טאָג. פיר אַזייגער אינדערפרי. די פּויערים הויבן שוין אָן צו קומען צו דער סמאָלנע דורכן ברייטן וועג פון וואַלד. זיי ציען זיך אין אַ לאַנגע שורה, צוזאַמען פּופצן. זיי באַוועגן זיך פּאַמעלאַך, ווי זיי וואָלטן וועלן אויס־דריקן מיט זיך, אַז „עס ברענט ניט און עס איז זיך ניטאָ וואָס צו איילן". די לאָפּטשעס איינג פאַרשנורעוועט אַף די פיס, אין לאַנגע לייוונטענע העמדער מיט אַ שטריקל אַרומגעגאַרטלט.

זיי נעמען זיך גלייך צו דער אַרבעט. זיי שלעפּן די קאָר־טשעס שווייגנדיקערהייט און מיט אַ געדולד, וואָס קען דורכ־ברעכן מויערן. איך באַטראַכט זיי אַ ווײַלע און איך פיל, אַז איך האָב ניט דעם וועג, ווי איך זאָל קענען צוקומען צו זיי. איך פאַרפיר מיט זיי אַ שמועס, נאָר מיינע ריידקלעפּן זיך ניט. איך באַגעגן אַ כיטרען בליק פול מיט אומצוטרוי, אָדער ווידער דעם זעלביקן אויסדרוק פון אומזיניקער געדולדיקייט אין פּנים.

מען אַרבעט אַוועק ביזן האַלבן טאָג.

„די זון שטייט שוין איבערן קאָפּ", — אַ סימן מען דאַרף עסן מיטאָג. מען נעמט אַרויס פון טאָרבע אַ שטיק ברויט מיט זאַלץ. אַז באַ איינעם מאַכט זיך אַ הערינג איז גאָר גוט. מען לעקט אַרום דעם ליאַק. די הויט ווערט אַראָפּגעצויגן און אויפ־געגעסן, דערנאָך ערשט נעמט מען זיך צום הערינג אַליין. מען עסט, ביז עס טרעפט איינער גיט זיך אַ טאַפּ באַם בויך — ס'איז שוין פול.

„האַדי!", זאָגט ער, און מען נעמט זיך ווידער צו שלעפּן די קאָרטשעס. און אַז עס ווערט פינסטער, קערן זיי זיך אום צוריק אַהיים אין דאָרף. איך קוק זיי נאָך מיט באַדויערן. ווי ווייניק איך ווייס וועגן זיי. זיי זענען פאַר מיר אַשטיק וואַלד, וואָס איך בין נאָך ניט דורכגעגאַנגען. זיי זענען רוי און פרימיטיוו, ווי די וועל־דער, וואָס רינגלען זיי אַרום.

ביאַליסטאָק, 2טן סענט.

ביאַליסטאָק. די פּראָלעטאַרישע שטאָט. די וועבער, די בערשטער, די גאַרבער. אַלע פאַראייניקט אין גרויסע קעמפנדיקע אָרגאַניזאַציעס, אונטער דער פאָן פון „בונד“.

ווי לאַנג איך האָב געטרוימט דאָ צו זיין . איך בין געזעסן אין וואַגאָן אָן אָנגעפּעלצטע מיט מער פון אַ האַלבן טוץ דעוואָלוציאָנערן, וואָס די סלאָנימער אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט פאַרן קאָמיטעט. איך האָב עס קונציק אַרומגעבונדן אַרום זיך אונטערן מאַנטל, אַז עס זאָל ניט זיין צו דערקענען. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט דערוואַרטונג. אַזוי קלאָר האָב איך זיך פאָרגעשטעלט די בילדער פון אמת'דיקן קאַמף, פון די דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן, אַז קומענדיק אין שטאָט בין איך געווען אַביסל אַנטוישט, זעענדיק די פאַרבייגייער אין די גאַסן מיט רואיקע פּנים'ער און די קראָמען האַנדלען און וואַנדלען ווי געוויינלאַך.

אין אָוונט בין איך שוין געגאַנגען איבער די „פּיאַסקעס“ צום אָנגעוויזענעם אַדרעס. דאָס איז געווען אַ תהום פון געסלאַך, מיט אַלטע אויסגעבויגענע הייזלאַך, צווישן די הייזלאַך — לאַנגע פּלויטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אומעטיק און פאַרלאָזן.

אָבער באַלד איז אַלץ געוואָרן אַנדערש. איך בין שוין געזעסן צווישן חברים, בא אַ וועבערשע פאַמיליע אין הויז און געגעסן מיט זיי וועטשערע. און די קאַרטאָפליעס מיט שאָלאַכץ און דער הערינג מיט ציבעלעס זענען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי געשמאַק, ווי אין דעם דאָזיקן אָוונט.

מאַטעס, דער באַלעבאָס פון שטוב, איז ניט געווען איינ־

געהויקערט און דאַר, ווי איך האָב אין געדאַנק זיך פאָרגעשטעלט א וועבער; ער איז געווען א גרויסער, מיט א לאַנגער באָרד און מיט טיפע ווינקלען אַפן שטערן; ער האָט געהאַט אַף זיך א קאַפטן, ווי עס טראָגן די חסידים; דער קאַפטן איז געווען אָפּ־געריבן און אַף די עלנבויגנס איז עס געווען געשיקט פאַרלאַטעט, אָבער מאַטעס האָט געטראָגן אַף זיך זיינע זאַכן עפּעס מיט א מאָדנער גרויסקייט, ווי א מאָנאַרך.

באַלד נאָכן עסן האָט מאַטעס׳עס ווייב זיך געזעצט צו איר „רעדל". דאָס איז געווען אזא מאַשינקעלע צו וויקלען באַוול אַף גרויסע שפּולן פאַר דער וועב־פאַבריק; זי האָט ארויסגענו־מען ארבעט אַף אהיים, און האָט זיך געדאַרפט היילן.

באַם פענסטער איז געזעסן זיין מיידל מיט די הענט אונ־טערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, פאַרטיפט אין א ביכל און אָפּגעזונדערט.

— „אריבער צו די פּ. פּ. ס." — האָט מאַטעס מיר אָנ־געוויזן אַף איר, — „אין „בונד" איז שוין פאַר איר צו איינג".

ער האָט עס ארויסגערעדט מיט א חוזק און מיט פאַרבי־טערטקייט אין דערזעלבער צייט. דערנאָך האָט ער ארומגענו־מען זיין עלטערן אינגל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און גע־שלונגען יעדן וואָרט, וואָס דער טאַטע האָט ארויסגערעדט:

— „דאָס איז מיין יורש, ער גייט שוין אין טאַטנ׳ס וועגן. צו דעם קומענדיקן סטרייק באַ אונזערע וועבער, וועט ער שוין צוניצקומען דעם טאַטן!" —

— „זאָלן באַטש די קריסטן צושטיין צום סטרייק" — האָט זיך אָפּגערופן די פרוי, ניט אָפּרייסנדיק זיך פון איר ארבעט.

די פראַגע פון די קריסטלאַכע ארבעטער איז דאָ אויך גע־ווען אַן אָנגעווייטאָקטע, ווי באַ אונז אין שטאָט. מאַטעס האָט דערציילט:

— „עס קומט אָן מיט גרויסע צרות ביז מען נעמט זיי אראָפּ פון דער ארבעט; ס׳טרעפט, ס׳איז א פּאָליטישער סטרייק, די ארבעט אין אונזערע פאַבריקן איז אָפּגעשטעלט, ס׳איז יום־טוב אַף די גאַסן. מיר גיבן א קוק אַף די גרויסע דאַמף־פאַב־

ריקן: די קוימענס רויכערן זיך, ווי אַלע טאָג פון דער וואָך. נאָר נישקשה, מיר וועלן זיי איינברעכן, איצט איז שוין געקומען אַף זיי די צייט״. —

ער האָט געדעדט מיט גרוים זיכערקייט, ווי אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און וועגן אונזער באַוועגונג דאָ אין שטאָט.

דערנאָך איז געקומען דער קוואַרטיראַנט, מאָטל דער אַנאַרכיסט, אַ ריגעוודיקער בחור־ל אין ברילן; ער איז צוגעשטאַנען צום געשפּרעך. ער האָט צונישט־געמאַכט די „אַלגעמיינע מיט די גלייכע און דירעקטע וואָלרעכטן״, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, נאָר אַ נייער מיטל צו פאַרשקלאַפן די מאַסן. און מאָטעס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אין זיין גאַנצער מאָנאַרכישער גרויסקייט, געקוקט אַף אים פון אויבן־אַראָפּ און געענטפערט אים, אַז אַזוי ריידן ניט קיין פאַראַנטוואָרטלאַכע פּראָלעטאַריער, וואָס ווילן בויען אַ נייע אָרדנונג, נאָר די אָפּפאַלן פון דער געזעלשאַפט, און זייער נאָמען איז — לומפּן־פּראָלעטאַריער.

אין דער גאַנצער צייט פון דעם שמועס איז די פרוי געזעסן בא איר אַרבעט און געוויקלט די שפּולן. דאָס רעדל פון מאַשין האָט זיך געדרייט מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט. און מיר איז ניט אַרוים פון געדאַנק דאָס ליד, וואָס איך האָב אַזויפיל מאָל שוין געהערט:

„אָ, קייסער, מיר וועבן תכריכים פאַר דיר,
אַ דרייפאַכע קללה — אַזוי וועבן מיר;
מיר וועבן, מיר וועבן״...

סאמואיל, איינער פון די פאָרשטייער פון דער אָרגאַני־
זאַציע, האָט מיר געזאָגט:

— „איר דאַרפט מער גיין אַף אונזער בירזשע, איר וועט
זיך דאָרט באַקאַנען מיט אונזער אַרבעט, מיט דער מאַסע“. —

און ס'איז געווען פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען אַף סור־
ראָזנער גאַס — די פּאָליטישע בירזשע פון די אַרבעטער. פון
אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן אַהער גאַנצע מחנות, און סוראָ־
זער גאַס איז געוואָרן פאַרפלייצט מיט מענטשן. כ'האָב זיך דורכ־
געשטופּט צווישן די צענדליקע גרופּעס, וואָס האָבן דאָ לעבעדיק
דיסקוטירט און געהיצט זיך; פון זייערע שמועסן איז פאַר מיר
קלאָר געוואָרן, ווי אַזוי די אַרבעטער פאָלגן דאָ נאָך יעדע געשעע־
ניש אין לאַנד; עס האָט זיך דאָ געפירט אַ פּאָליטישער קלוב
אונטערן פרייען הימל; מיר האָט זיך געדוכט, אַז די לופט איז
דורכגעדרונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג. עס האָבן
זיך געשמידט נייע וועלטן און אַלטע זענען צעשטערט געוואָרן.

באַלד האָב איך אין אַ קרייז דערזען סאַמואילן מיט זיין
באַוועגלאַכער פיגור, און מיטן היטל אַף דער פּאַטילניצע.

ער האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צו
די חברים, מיט וועלכע איך וועל זיך דאַרפן טרעפן און טאָן גע־
מיינזאַמע אַרבעט. צו אים זענען אַלע ווײַלע צוגעקומען אַנדערע
מענטשן, דער — עפּעס פרעגן, אַן אַנדערער — זיך באַשטעלן
מיט אים צו זען. סאַמואיל האָט אַלעמאָל עפּעס אויסגעמעקט
אָדער פאַרשריבן אין זיין ביכעלע. ס'האָט אויסגעזען, ווי צו אים
האָבן זיך געצויגן די אומזיכטבאַרע פעדים פון דער אָרגאַניזאַציע,
און ער פירט אָן מיט דעם וויכטיקסטן טייל פון איר אַרבעט.

דער עולם ארום האָט גערוישט און געהיצט זיך, ווי פריער; מיט אמאָל איז עפּעס ווי אַ שאָטן דורכגעגאַנגען איבער אַלע־מען: „קאָזאַקן“ — האָט אימיצער שטיל אַרויסגערעדט

פון עק גאַס האָט זיך באַוויזן אַ רייַ קאָזאַקן רייטנדיק אויף זייערע פערד, זיי זענען דורכגעפאָרן איבער דער גאַנצער לייַנג פון גאַס, מאַכנדיק זיך וועג צווישן דער געדיכטער מאַסע בײַ אייניקע איז געוואָרן אַ באַוועגונג צו אַנטלויפן:

— „לויפט ניט, לויפט ניט!“ — האָבן עטלעכע שטימען מיט אַמאָל אויסגערופן; עס האָט אויסגעוויזן ווי מען איז שוין דאָ געוואוינט צו אַזעלכע פאַלן. קיינער האָט זיך מער ניט גע־רירט פון אָרט, און צאָרנדיקע בליקן האָבן אויפגעפלאַמט דאָ און דאָרט.

די קאָזאַקן זענען געפאָרן הין און צוריק איבערן גאַס, און פון זייערע טעמפּע זעלבסטצופרידענע פּנימער איז געווען צו זען, אַז קיין גוטס איז ניטאָ פון זיי וואָס צו דערוואַרטן. באַלד האָט זיך איינער פון זיי געגעבן אַ דריי־אויס אויפן פערד, מיט אַ כוואַטסקער באַוועגונג, פאַכנדיק אין דער לופט מיט אַ נאַ־גאַיקע, און מיט אַמאָל האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס איבער די ניט־ באַוואָפנטע מענטשן. זיי האָבן געשלאָגן ווילד מיט די נאַגאַיקעס, און מיט די פערד אַריבערשפּרינגענדיק איבער די מענטשן. די אַרבעטער האָבן זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן. אַט האָבן זיי אַראָפּגעשלעפּט איין קאָ־זאַק פון זיין פערד און געשלאָגן אים פאַרביטערט, מיט די פויסטן און מיט אַ שטעקן. זיי האָבן זיך אָבער געמוזט צעלויפן. די קאָזאַקן האָבן נאָכגעיאָגט יעדן באַזונדער, ביז יענער איז פאַר־שוואונדן אין אַ הויז, דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזן נאָך אַ נייעם קרבן.

איך בין געשטאַנען אין מיטן גאַס, אַ פאַרטויבטע פון די געשרייען און פּאַניק; די נאַגאַיקע האָט אויך מיך ניט אויס־געמידן; מענטשן אויפן וועג האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן מיר און זיינען ווייטער געלאָפן ; ביז די גאַס האָט אָנגעהויבן ליידיק

ווערן. איך האָב זיך געלאָזט גיין אהיים. באַם זייט גאַס האָב איך דערזען סאַמואילן און נאָך א חבר. זיי האָבן, ווייזט אויס, נאָך געדאַרפט פאַרענדיקן די איבערגעריסענע פאַרהאַנדלונגען; איך האָב געהערט זייערע שטימען:

— „מיר האָבן נאָך א סך צו ריידן, קומט מאָרגן, דאָ אויף דעם אייגענעם אָרט.

— „מאָרגן?"

— „יאָ, מאָרגן, דאָ אויף סוראַזער גאַס!"

ס'איז געווען א בארעטונג פון די נאָענטסטע מענטשן פון דער אָרגאַניזאַציע. אין צענטער פון שטאָט, אין א רייכן הויז האָבן מיר צופעליק געהאַט אונזער זיצונג. מען האָט זיך געדאַרפט האַלטן באַזונדער קאָנספּיראַטיוו, און באַם אַריינגאַנג האָט דער באַלעבאָס יעדערן געפרעגט:

— „איר זענט זיכער, אַז קיינער איז אייך ניט נאָכגעגאַנגען?" —

אָבער אינווייניק איז עס געווען א גן־עדן. די חברים האָבן זיך שטיפעריש געגליטשט איבער די פּלושענע טעפּיכן, און אַריינגעפאַלן אין די טיפע פאָטער־שטולן, ווי מענטשן, וואָס זענען גאָרניט געוואוינט צו אַזאַ לוקסוס.

די דאָזיקע חברים אונזערע, וואָס איבער יעדערן פון זיי איז געהאַנגען דער גורל פון טורמע אָדער סיביר, האָבן געקענט געבן א שטיף, ווען עס איז נאָר געווען דערצו א מינוט.

אסתר איז אַריינגעקומען. פון איר האָט שטענדיק געווייט מיט נשמה'דיקער וואַרימקייט, אונז אַלעמען האָט צו איר געצויגן. איר פּנים איז געווען פון מאַטן קאָליר, און אין אירע אויגן האָט געברענט אַן ענטוזיאַסטישער פייערל. זי איז געגאַנגען די האָר פאַרקאַמט איבער די אויערן מיט א שטריינגען ווייסן שרונט. זיי זענען געווען גלאַט ווי סאַמעט.

צו א חבר, וואָס זי האָט נאָך ניט געקענט, איז זי צוגעגאַנגען מיט ליבשאַפט און געפרעגט:

— „חבר, איך ווייס דאָך נאָך ניט אייער נאָמען". —

דורך איר האָבן מיר אַלע זיך דערפילט נענטער איינע צו די אַנדערע.

די באַראַטונג האָט זיך גלייך אָנגעהויבן. עס האָט גע־רעדט א פאַרשטייער פון קאָמיטעט:

— „...עס איז אזא שטורעמדיקע צייט. די געשעענישן איי־בערן לאַנד רוקן זיך אָן האסטיק איינס נאָכן אַנדערן. דער גאַנ־צער רוסישער געזעלשאַפט איז איינג געוואָרן אין די ביז־איצ־טיקע איינגעשטעלטע גרעניצן און פיבערהאַפטיק זוכט מען דעם וועג צו א נייעם לעבן. די אָפטע אויפשטאַנדן אין די שטעט און אין די דערפער גיבן וועגן דעם צו וויסן. די רעגירונג איז פאַר־לאָזן פון אַלעמען, ווי איינער וואָס געפינט זיך אַף אַן אינזל, ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פיינטלאַלע כוואַליעס". —

ער האָט גערעדט שטיל. זיין אויסזען איז געווען אזוי ווי מען מאָלט אַף די בילדער קריסטוסן, און אין זיינע גרויסע טונ־קעלע אויגן, האָט זיך מיר געדוכט, שפיגלען זיך אָפּ די ליידן פון דער וועלט.

נאָך אים האָבן מיר אויסגעהערט א באַריכט פון פוילן: אין לאָדז — א צוויי־טאָגיקער אויפשטאַנד, עס זענען געווען באַריקאַדן. דער באַריכט־אָפּגעבער איז נאָך הייזעריק געווען פון די רעדעס און אויסרופן.

אסתר האָט דאַמאָלס אים אויסגעהערט מיט פלאַמענדיקע אויגן. זי האָט געמאַכט א באַוועגונג מיט די הענט אין דער לופטן, ווי מיט פליגלען, ווי זי וואָלט וועלן אוועקפליען אהין.

איך האָב געטראַכט — „פון וואַנען קומט צו אונז אָט־די ליבטיקע געשטאַלט?" —

איך האָב איר געזען באַם אויספירן שווערע, פאַראַנטוואָרט־לאַכע אַרבעט. ווען כמעט אַלע בעסטע טוער זענען געווען אַרעסטירט. זי האָט געפירט די גאַנצע אַרבעט, מיט א פעסטער האַנט, מיט ליבשאַפט און אזוי גרינג, כמעט שפּילעוודיק. און איך האָב איר געזען באַ א פאַרזאַמלונג. אסתר איז ניט קיין רעדנערין, נאָר זי האָט גערעדט, און אירע איינפאַכע ווערטער זע־נען געווען דורכגעדרונגען מיט עפּעס א העכערן גייסטיקן זינען און זי האָט אָנגעצונדן מיט באַגייסטערונג די הערצער פון אַלע אַנוועזנדיקע.

אַפּט זעט מיר אויס אונזער לעבן איצט, ווי אַ צושטורעמ־טער ים; און מיר ווערן אויפגעהויבן און געטראָגן אַף זיינע כוואַ־ליעס אַלץ ווייטער און ווייטער.

די שיסערייען אַף סוראַזשער גאַס, די אָפטע ארעסטן פון די בעסטע חברים, און די הויז־זוכונגען בא יעדערן פון אונז, — דאָס זענען איצט נויטיקע זאכן, וואָס אָן דעם קען מען שוין זיך ניט באַגיין.

נעכטן באַנאַכט איז ווידער געווען אַ הויז־זוכונג בא מיר אין צימער. איך האָב זיי דערהערט, ליגנדיק נאָך מיט אָפענע אויגן אַפן געלעגער; די טרעפּ האָבן געקרעכצט אונטער זייערע שווערע טריט. אַף גיך זיך אָנגעטאָן, געעפנט די טיר און אַ גאַנצע כאַפּטע „זייערע" זענען אריין אין צימער, איינער פון זיי מיט אַן אָנגעצונדענעם ליכט פאַראויס. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין גרויע שינעלן, נישטערנדיקע, ווי הונגעריקע וועלף.

זיי עפענען אויף שופלאָדן, קוקן איבער די ביכער, צעוואַרפן די קליידער, באַטאַפּן די ווענט. און אַ הכנעה'דיקער קול'כל פרעגט אין דער טונקלקייט פון צימער:

— „אויפריימן אַ ברעט פון פּאַרלאַגע, אייער עקסעלענץ?"

— „ניין!" — באַפעלט „עקסעלענץ". — ער איז אַליין מיד און געווים טראַכט ער, אַז מ'וואָלט זיך געדאַרפט גוט אויס־שלאָפן אַמאָל.

***

לייבטשיק דער מאָלער איז ניט לאַנג באַפרייט געוואָרן פון אַ לאַנגן ארעסט, און ער איז ווידער ביזן קאָפּ איינגע־טונקט אין דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט. מיר באַגעגענען זיך ווי פריינט, דריקן זיך וואַרים די הענט און זאָגן איינע די אַנ־דערע אַ פּאָר גוטע ווערטער. זיין שטים הער איך אַמאָל אַף אַן אַלגעמיינער זיצונג פון חברים, צי אַף סוראַזשער גאַס אין אַ דיסקוסיע מיט איינעם פון אַ קעגנערישע פּאַרטיי. לייבטשיק פאַרטיידיקט ריטערלאַך דעם „בונד", — דעם איינציקן פאַר־שטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין די אויערן זשומעט נאָך דאָס קנאַקן פון די ביקסן, און אז איך פאַרמאַך אַף אַ ווײַלע די אויגן, הויבן זיך אָן ארומ־דרייען ווי אין אַ קאַשמאַר משונה'דיקע בילדער פון די דער־הרג'עטע, דורכגעשאָסענע אויגן, צעבראָכענע פיס, פאַרבלוטיקטע קליידער. און איך גיב אַנ'עפן ווידער די אויגן, כדי איך זאָל אין דער שטילקייט פון שפּיטאָל־צימער, אין די ווייסע, ליכטיקע ווענט געפינען אַ בארואיקונג. איצט זע איך פאַר זיך קלאָר דאָס גאַנצע בילד פון יענעם איבערגעלעבטן טאָג:

30טער יולי. דער טאָג פאַר פּראָטעסטן קעגן דעם „פּראָ־יעקט פון בוליגינ'ס דומע". די מאַניפעסטאַציע איז אין פולן גאַנג. טוראַזער גאַס איז איבערפולט מיט ארבעטער. פּראָ־טעסט־רעדעס ווערן געהאַלטן אין אַ פייערלאַכע שטימונג.

אונזערע רייען זענען געווען איינג געשלאָסן. מיר זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער ערנסטקייט פון מאָמענט: די רעגירונג הויבט אָן נאָכצוגעבן. „בוליגינ'ס דומע" איז אַ פּראָ־יעקט פון אַ קאָנסטיטוציע, נאָר מיר פאַרוואַרפן מיט פאַראַכ־טונג דעם דאָזיקן צארישן פּראָיעקט. „אַ קאַמף ביז'ן סוף" — איז דער לאָזונג.

אָן אָפּטיילונג פון סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר פאָראויס שטעלן זיך אוים אין אָנהויב גאַס לאַנגזאַם, ווי זיי וואָלטן אַף עפּעס געוואַרט. די שטימונג בא אַלעמען ווערט אַן אָנגע־שטריינגטע.

אין דער מינוט האָט מיך קיין זאַך ניט געאַרט. מיין גורל איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט דעם גורל פון אַט־די גרויסע מאַסן. און נאָר עפּעס אַזאַ נייגעריקייט האָב איך גע־

פילט — וואָס וועט איצט זיין? פון די פענסטער האָבן ארויס־געקוקט אַף אונז אומרואיקע פּנים׳ער. א פרוי האָט גערופן אימיצן אין שטוב אריין, מאכנדיק גרויסע גוואַלדן איבערן גאַס. דערנאָך האָט א סאָלדאט פּארטשעפּעט זיך מיט אן ארבעטער און גענומען אים שלאָגן מיטן „פּריקלאד" און דער ארבעטער האָט אים עפּעס געזאָגט. דערנאָך איז געשען אן אומפארשטענדלאכע זאך: א באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן ניט ווייט פון פּלאַץ, וואו עס זענען געשטאַנען די סאָלדאטן. קיינעם איז ניט באוואוסט, פון וועמענס האנט דאָס איז געטאָן געוואָרן. ווען דער רויך איז זיך צע־גאנגען, האָט מען געקענט זען דריי סאָלדאטן ליגן טויט. אן עלטע־רע פרוי, זיך האַלטנדיק באַם הארצן, האָט ארויסגעלאָזן אן איבער־מענטשלאכן געשריי און איז געפאַלן טויט ניט ווייט פון איר הויז.

דער אפיציר האָט געגעבן א צייכן און די סאָלדאטן האָבן אָנ־געהויבן זייער ווילדע שיסעריי אַף די אומבאוואָפנטע ארבעטער. ווי צעמישט האָט מען זיך געוואָרפן אין אלע זייטן זוכנדיק אן אָרט, וואו צו אַנטלויפן. מען איז געפאַלן איינע אַף די אנדערע. דער יאָמער פון די פארוואונדעטע האָט זיך נאָך דערטראָגן אהער פון די ווייטע גאַסן. די צערייצטע סאָלדאטן מיט אויגן פארלאָפענע פון בלוט, האָבן מיט א ווילדן חשק געצילט אַלע ווײַלע אויף א נייעם קרבן. איך האָב געזען איין סאָלדאט צילנדיק זיך אין אן אָרבעטער, נאָר יענער האָט אין איין אויגנבליק זיך אראָפּ־געזעצט צו דער ערד און די קויל האָט געטראָפן אין א צווייטן, וואס איז געשטאַנען הינטער אים, ער איז געפאַלן, ארויסלאָזנדיק עפּעס א פארשטיקטן ברום.

די גאַס האָט אָנגעהויבן פּוסטעווען. איך געדיינק, מיר זע־נען געשטאַנען א קליינע גרופּקע באַ א הויז, זיך וועלנדיק אריינ־שפּארן דורכן טיר, נאָר די טיר איז געווען פארשלאָסן. אַף אונז האָבן זיך געצילט עטלאכע ביקסן מיט אַמאָל. איך האָב דערפילט א הייסן פלאם דורכלויפן דורך מיין אָרעם, געהערט משונה׳דיקע קולות ארום מיר. דערנאָך איז פינסטער געוואָרן און אַלץ ארום האָט זיך איינגעשטילט.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזען זיך ליגנדיק אַף א בעטל אין א גרויסן צימער. אַף מיין רעכטן אָרעם האָט געבלו־טיקט א וואונד. אַף דעם זעלבן בעטל און אַף דער פּאָדלאָגע זע־נען געלעגן נאָך פאַרוואונדעטע און שטילערהייט געקרעכצט. זיי זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. די איינוואוינער פון הויז האָבן קיין הילף ניט געקענט געבן אוים מורא אליין געשאָסן צו ווערן.

א פרוי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און באַלד אין שרעק אָפּגעשפרונגען צוריק: א ביקס איז געווען אָנגעצילט אויפן פענ־סטער, גרייט צום שיסן, יעדערן ווער עס וועט זיך נאָר באַווייזן.

דער יאָמער אָפן גאַס האָט אויפגעהערט. נאָר איינציקע שאָסן האָבן זיך געהערט דאָ און דאָרט, און האָבן געגעבן צו וויסן, אַז די סאָלדאַטן בושעווען נאָך.

שפּעט אין אָוונט האָט מען אונז אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. די גאַסן זענען געווען פוסט פון מענטשן. נאָר די סאָלדאַטן האָבן דאָ ארומגעשפּאַצירט ווי אין אַן איינגענומענער שטאָט. אַנדערע פון זיי זענען געווען אויסגעזעצט אַף די בריקלאַך פון די הייזער און גערוט. זיי האָבן אָוועקגעשטעלט זייערע ביקסן צו עטלאַכע צו־זאַמען אין איין בינטל אָפן מיטן גאַס. בא א זייט זענען געשטאַ־נען א גרופּע אָפיצערן, שטאָלץ אין זייערע עלעגאַנטע קאָסטיומען און ריהיק צווישן זיך געשמועסט.

די נאַכט איז אוועק אין שרעקלאַכע, משונה׳דיקע קאָשמאַרן. איך בין אויפגעוואַכט געוואָרן פון די קרעכצן פון די פאַרוואונ־דעטע אַף די בעטלאַך ארום מיר. איין מיידל האָט די גאַנצע צייט געדערט פון היץ. זי האָט געקלאָגט הויך אָפן קול, מיט א ניגון פון תחינות:

„זי וועט שוין מער ניט זאָגן, אַז קיין גאָט איז ניטאָ“. זי איז געווען פאַרוואונדעט איןביידע פיס און האָט געליטן גרויסע ווייטאָקן.

צו מיר קומען חברים, געטרייע און איבערגעגעבענע. זיי דערציילן ווי אַזוי אין שטאָט האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן אָפּגע־

שטעלט. ווי די געזעלשאפט איז אויפגעציטערט פון דער מער־דערישער טאט פון דער רעגירונג, און עס מאָביליזירן זיך נייע קרעפטן צום קאמף. נאָר אסתר—אונזער אסתר—איז שוין מער ניטאָ צווישן אונז. זי איז געפאַלן טויט אין דעם דאָזיקן שרעקלאַכן טאָג.

סלאָנים, 15טן דעצעמבער.

צו פילן, אַז די שעה האָט שוין געשלאָגן, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן!

ווי צורודערט איך בין. מיינע בליקן זענען איצט געווענדט אהין צו די גרויסע צענטרען וואו עס טוען זיך אָפּ די וואונדערלאַכע געשעענישן. נאָר די ניט פארהיילטע וואונדן, וואָס איך בינד איבער אלע טאָג, גיבן מיר צו פילן, אז איך דארף בלייבן דאָ אפּן אָרט.

צו אונז דערטראָגט זיך נאָר די עכאָ פון די ווירקלאַכע געשעענישן. מיר זענען אין פיבערהאפטיקער דערווארטונג און דערווייל נעמען מיר ניט אָן קיין שום שריט. יעדער טאָג ברייננגט אונז פריידיקע בשורות וועגן די נצחונות פון דער רעוואָלוציע. דער ערשטער אלגעמיינער סטרייק פון גאנץ רוסלאנד. די באנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. קיין צייטונגען קומען ניט אָן, מיר כאַפּן אויף די ידיעות כמעט אין דער לופט.

*
**

א טעלעגראמע איז אָנגעקומען צו יאקובסאָן דעם אדוואָקאַט — „דער מאניפעסט פון 17 אקטאָבער". פינף הונדערט ווערטער זענען געווען אין דער טעלגראמע און אויסגערעכנט אלע געגעבענע פריידייטן. ווי א בליץ איז עס דורכגעפלויגן דורכן שטאָט. מיט איינמאָל האָבן זיך אלע דערוואוסט פון דער נייס. די גאסן זענען באלאגערט געוואָרן פון מענטשן. אלע אויפגעלעבטע, פריידיקע. מען

האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, זיך געדריקט די הענט און גערירט ביז טרערן איז מען געווען און אַלע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער יובלדיקער מאסע. פאַרזאַמלונגען זענען אויפגעקומען פון זיך אַליין אין די גאַסן, אונטערן פרייען הימל. אונזערע רעדנער האָבן געטראָגן די בשורות, באַגייסטערטע ווערטער האָבן געשאַלט אין דער לופט: „פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען", „פרייהייט פון פרעסע", „פרייהייט פון פאַראיינען". אַזעלכע וואונדערלאַכע נייע ווערטער, וואָס האָבן אַלעמען שכור געמאַכט פון פרייד.

איך בין אַרומגעגאַנגען באַרוישט, ווי אין אַ חלום האָב איך דאָס אַלץ געזען: דאָס אַלטע רוסלאַנד — די פעסטונג פון אונטערדריקונג און הערשאַפט, אונזער מלחמה קעגן איר, די אָנשטרייננגונג און קרבנות. די פעסטונג איז שטאַרק. וויל זיך נאָך ניט אונטערגעבן, נאָר זי ווערט באַשאָסן פון רעוואָלוציאָנערע אַרמייען, ווערט צעטרייסלט און הויבט אָן פאַלן.

„ענדלאַך, ענדלאַך" האָב איך צו זיך אַליין געטראַכט, איך בין געווען איבערפולט מיט גליק.

די אַרבעט אין שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט. די קראָמען האָבן זיך פאַרמאַכט און די וואָס זענען געבליבן האַנדלען האָבן עס געטאָן אָן אַ טעם, ווי עס וואָלט אַלץ הפקר געוואָרן און עס האָט זיך ניט געגלוסט צו פאַרנעמען מער מיט אַזעלכע געוויינלאַכע וואָכעדיקע אַרבעט.

און אַף מאָרגן, אין אַ טאָג אַרום און נאָך אין אַ טאָג אַרום איז נאָך אַלץ געווען בא אַלעמען די הפקר'דיקייט און דער גרינגער געמיט. מען איז איינמאָל אַרוים פון די איינגעצאַמטע גרעניצן און מען האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלן. דאָ אין שטאָט האָט עס אויסגעזען ווי אַ טייך אַ צעגאָסענער נאָך אַ גרויסן געוויטער.

אין די שולן האָט מען כסדר געמאַכט פאַרזאַמלונגען און טויזנט פראַגן פון מלוכה לעבן זענען אַרומגערעדט און דערקלערט געוואָרן. יאָסל דער סטאָלער און ביילקע די פריקאַזטשיצע האָבן

דאָרט אויך גערעדט, און אז מען האָט מיר פאָרגעלייגט צו ריידן, האָב איך עס ניט געקענט טאָן; ריידן וועגן דעם, וואָס מען פילט און מען לעבט איבער אין דעם דאָזיקן גרויסן מאָמענט, האָב איך ניט געוואוסט ווי אזוי. יאָסל און ביילקע האָבן עס יאָ געוואוסט, און זייערע רייד האָבן געמאכט א גרויסן רושם.

די ווייטסטע, די אָפגעשטאָנענסטע זענען געקומען ווי אַף בייז וואונדער, שאָקלענדיק מיט די קעפּ און מיט א סקעפּטישן שמייכל אין די אויגן:

— „נו, נו, צו וואָס מען האָט דערלעבט!"

מיט אמאָל האָבן אלע זייטיקע מענטשן, ציוניסטן און אזוי באַלעבאטים דערפילט, אז זיי האָבן א גרויסע שייכות צו דער פרייהייט באוועגונג. זיי האָבן דערזען אז עס איז גאָרניט אַף צו פליישן.

עס איז געווען גאָרניט קיין שלעכטער עסק. מען האָט נאָר געדאַרפט נעמען די זאך אין זייערע אייגענע הענט. און מורא צו האָבן איז שוין אויך ניטאָ וואָס—אז פרייהייט איז שוין פאַראַן. האָבן זיי זיך גענומען זייער שטאַרק אָרגאניזירן. געוואָרן א א קראַפט, א אמת'ע פּאַרטיי. און א נאָמען האָבן זיי זיך געגעבן — ליבעראַלן. זייער וואונש איז געווען צו גיין מיט אונזערע האנט אין האנט.

סלאָנים, 2טן מאַרט.

צו אונז איז געקומען אַ נייער חבר. מ׳רופט אים באָרים, באָרים פרידבערג, אַן אינזשיניר. ער האָט די גאַנצע צייט שטודירט אין אויסלאַנד און האָט באַלאַנגט דאָרט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. איצט, אין די פרייע טעג, איז באָרים געקומען אַהיים צו באַטייליקן זיך אין דער ארבעט פון רעוואָלוציע.

מיר האָבן קיינער פון אים ניט געוואוסט. שבת איז געווען אַ פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער שול און די ליבעראַלן זענען געקומען אַהין צו אונז ריידן. זיי האָבן גערופן די ארבעטער צו גיין מיט זיי האַנט אין האַנט און זיך אָפּ זיי פאַרטרויען. איז ארויף אַפן באַלעמער עפּס אַ אומבאַקאַנטער רעדנער. איך האָב ניט געקענט זען זיין געזיכט, ווייל די שול איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. נאָר איך האָב געהערט זיין שטים. און די איינגעשאַפּט פון זיין שטים האָט אַזוי מאָדנע געווירקט. מען האָט אים געמוזט הערן. עס איז געווען אַ מעלאָדישע שטים, נאָר אַזוי ווי באַפעלעריש האָט זי אָפּגעקלונגען. און אין זיין ריידן איז געווען אַ שאַרפזיניקייט אַ איראָניע. ער האָט זיך געווענדט צו די ליבעראַלן:

— „איר ווילט זיך מיט אונז ארומנעמען און אונטער דער פאָלע פאַרבאַהאַלט איר פאַר אונז אַ מעסער“.

ער האָט דעם געגנער ניט נאָר באַקעמפט, נאָר געמאַכט אים לעבערליך און אַלע האָבן מיט אים צוזאַמען געלאַכט. אַזוי האָט נאָך בא אונז קיינער ניט גערעדט און מיר אַלע זענען געווען פון אים באַגייסטערט.

אין אָוונט האָבן מיר באָריסן גערופן צו אונזערער א זיצונג. ער קוקט אויס ווי א בורזשוי מיט פאָרנעמע אריסטאָקראַטישע מאַניערן און גיין גייט ער אָנגעטאָן נעט, אין אַ קאָסטיום פון בעסטן שניט. און אויגן האָט ער אביסל ארויסגעסטארטשעטע, און זיי זענען פארצויגן מיט א טוי. נאָר ער איז אַן אונזעריקער. אין אויסלאַנד איז ער נאָענט געווען מיט אלע טוער פון „בונד". און א סך וויכטיקע זאַכן דערציילט ער פון זיי. ביז שפעט אין אָוונט זענען מיר אָפּגעזעסן מיט אים. דערנאָך האָט באָרים מיך אָפּגעפירט אהיים. אין אָנהויב האָב איך זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. איך בין שטענדיק געוואוינט צו גיין אהיים איינע אליין. נאָר באָרים האָט מיך ניט געלאָזן. ער האָט געזאָגט:

— „איך בין אַן איירעפּייער און איך קען ניט לאָזן גיין א פרוי איינער אליין אהיים שפעט באנאכט".

אלטער ראבינאָוויטש איז געקומען צופאָרן. ווי לאַנג מיר האָבן אים ניט געזען און ווי ער איז גייסטיק אויסגעוואַקסן. אל־טער איז געקומען איצט צוריק אהער צו זיין היים־שטאָט, וואו ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעפּרואווט זיינע כחות, דערנאָך האָט ער פאַרלאָזן זיין גביר'שע היים און אריינגעטאָן זיך אינ־גאַנצן אין דער באַוועגונג. איצט רעדט ער מיט א געניטקייט פון א גענעראַל, וואָס האָט ביינעוואונט די שלאַכט און וואָס גלויבט אין זיינע אייגענע כחות.

ער האָט צונויפגערופן א באַראַטונג פון אַלע מיטגלידער פון אָרגאַניזאַציע צו באַריכטן ווי עס האַלט איצט די לאַגע אין אונ־זער באַוועגונג.

די לאַגע אין דער באַוועגונג האָט זיך אינגאַנצן געביטן, אזוי פיל נייע זאַכן וועט מען איצט איינפירן. איך האָב זיך איינגע־הערט און געשטוינט, און ניט אַלץ פון אַלטערס רייד איז מיר גע־ווען פאַרשטענדלאַך:

— „די רעוואָלוציע איז אין פולן גאַנג. די רעגירונג וואַרפט זיך אַף אַלע זייטן: דאָ צו רעפאָרמען און דאָ צו נייע פאַרפאָל־גונגען. אָבער דער אַרבעטער קלאַס האָט שוין גענומען זאָגן זיין וואָרט. דער לאָזונג פון דער צייט איז צו אָרגאַניזירן זיך. הונ־דערטער פאַראיינען און קלובן ווערן געבוירן בליץ־שנעל און פריי אָן דער צושטימונג פון דער רעגירונג. אונזער אָרגאַניזאַציע דאַרף רעפאָרמירט ווערן, זי מוז אַרויסגיין פון די אונטערערדישע הייל. פון די שמאָלע קריינזלאַך אין דער עפנטלאַכקייט. די אַרבעט אונ־זערע דאַרף איצט געפירט ווערן אָפן און פריי. די מאַסע איז שוין אויסגעוואַקסן און אַנדערע רייד דאַרף מען איצט צו איר ריידן.

און די טוער דאַרפֿן איצט אויך אַנדערע זיין. זיי דאַרפֿן זיין צו־געפּאַסט צו די פֿאָדערונגען פֿון דער נייער צייט. מען דאַרף קע־נען אַרויסטרעטן ריידן פֿאַר הונדערטער מענטשן פֿאַר איין מאָל" — אַזוי האָט ער דערציילט.

אָ, דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע באַראַטונג.

צי בין איך ניט קראנק? פארוואס שרעקן מיך אזוי די נייע ענדערונגען אין דער ארגאניזאציע און איך בין אפילו גרייט קעגן זיי צו קעמפן.

„מען דארף קענען ארויסגיין פון די אונטערערדישע קרייז־לאך. זיך צופאסן צו דער נייער צייט און מען דארף קענען ריידן צו הונדערטער מענטשן פאר איין מאל“.

דאס זענען אלץ זאכן פון מורא׳דיקער באדייטונג און עפעס א שווערער געפיל דריקט מיך פון דאמאלסט אן, זינט איך האב עס צום ערשטן מאל געהערט.

געוויס איז עס אזוי נויטיק פאר דער זאך, די אלע ענדערונ־גען. נאר מיר איז עס שווער צו באגרייפן. ס׳איז מיר ליב די אונטערערדישע ארבעט און נאר צו איר בין איך צוגעבונדן.

מסתמא בין איך קראנק. ווייל איינמאל אף א באראטונג, ווען א חבר איז געווען קעגן מיין מיינונג האט ער מיך באשטרייט דערמיט, וואס ער האט געזאגט, אז איך בין נאך צופיל אויפגערעגט און געוויס איז דאס מיר פארבליבן פון די געקראגענע וואונדן אין דער שיסעריי. איך וועל מוזן אף א קורצע צייט זיך דערווייטערן פון דער ארבעט אין דער באוועגונג, כדי איך זאל רואיק קענען אלץ איבערטראכטן און אננעמען עפעס א באשלוס.

און איך וועל ריידן וועגן דעם מיט באריסן. מיט אים קען מען וועגן אלץ ריידן. ער איז אזוי געלערנט. עס דוכט זיך מיר אויס, אז יעדע פראגע איז בא אים שוין אויסגעארבעט אין א פארטיקער דורכגעטראכטער פארמע און אלע פראגן האבן בא אים אין קאפ א באזונדערע אפטיילונג, א קעסטעלע. און אז ער דארף וועגן עפעס ריידן, גייט ער צו צו דער געוויסער אפטיילונג און נעמט ארויס פון דארטן דעם פארטיקן מאטעריאל.

די לעצטע צייט פארברייננגען מיר אָפט צוזאמען אין אַלער־ליי שמועסן. וואָס פאר א וואונדערלאכע זאכן ער דערציילט! ווען באָרים רעדט, דוכט זיך אוים, ווי פון ערגעץ עפנט זיך אַן אונזיכטבארער פאָרהאנג און איך דערזע פאר זיך גאָר נייע זאכן, אַן אנדער לעבן, גאָר ניט ענלאך צו דעם ווי איך לעב און וואָס איך בין געוויינט צו זען ארום זיך. אמאָל דיינק איך, אז ווי איך האָב ביז איצט געלעבט איז מער ניט ווי א שיינער חלום. די ווירקלאכקייט איז גאָר אנדערש. באָרים זאָגט, אז עס זענען פאַראן זאכן אויסער דער באוועגונג וואָס זענען אויך זייער אינטע־רעסאנט און אז די טוער פון דער באוועגונג אין אויסלאנד זענען אויך אנדערע. „זיי זענען ניט באגרענעצט נאָר מיט פראגן פון באוועגונג, נאָר זיי האלטן אָפן די אויגן".

***

אין מיינע געדאנקען איז איצט שטילשטאנד. זאכן און גע־שעענישן גייען זיך זייער וועג און איך מוז יעדע זאך איבער־טראכטן, אויסוואַרטן ביז אלץ וועט דערקלערט ווערן.

די זיצונגען פון „סכאָדקע" מייד איך איצט אוים. זיי זעען מיר אוים איצט עפעס ניט פון גרוים וויכטיקייט. עס אי ווייַ־טאָגדיק צו קוקן אף אונזער באוועגונג ווי א זייטיקע, ווי א פרעמ־דע, וואָס האָט איצט קיין שייכות ניט צו דעם גאנג פון די געשעע־נישן, אָבער אנדערש קען עס ניט זיין. איך בין נאָך ניט צוגע־גרייט צו די נייע צייטן, וואָס זענען אָנגעקומען. איך גיי ארום איבער די גאסן און זוך א פארשטענדעניש אין אלץ ארום מיר. די גרויסע פארזאמלונגען אין די שולן, וואו מען רעדט איצט פון אלץ אָפענערהייט, זענען אודאי א דערפרייאונג, נאָר אָפט זעט מיר אוים, אז ס'איז צו טומלדיק דאָ און צו שרייאיק.

און איך טראָג זיך איבער אין געדאנק צוריק צו אונזערע קאָנ־ספיראטיווע קווארטירן, וואו איך פלעג לערנען מיט א קרייזל פון איבערגעגעבענע חברים. ווי וואָלט זיך מיר איצט וועלן עס זאָל צוריק זיין אזוי. טראכט איך איבער א ווײלע, נאָר איך כאפ זיך באלד: „מען דארף דאָך קענען ארויסגיין פון די אונטערערדישע היילן".

צו זיין מיט באָריסן איז א גרויסע פרייד, צו זיין נאָנט צו אזא קראפט, איז פונקט ווי איינער וואָס געפינט זיך אין א גרויסן שטורם און ווערט באשיצט פון א שטארקער זיכערער האַנט. זיי־נע ליכטיקע געדאנקען בלענדן מיר אזש די אויגן. איך פיל ווי איך גיב זיך אונטער זיין גרויסער כשוף׳דיקער מאַכט.

אונזער צימער איז וואונדערלאַך איינגעאָרדנט, מיט פינקט־לאַכקייט און מיט געשמאַק. קיין איין קליניקייט איז ניט פאַר־געסן געוואָרן. אז איך זאָל זיך דאָ פילן באקוועם. דאָס איז אלץ די ארבעט פון באָריסן. דער טואַלעט־טישל איז דער פּלאַץ וואו איך שטיי אָפּ שעה׳ן לאַנג. אמאָל פארזונקען אין טראַכטן און אמאָל זיך אָנקוקנדיק אין שפּיגל צו זען מיין אייגענעם געזיכט ווי עס פילן זיך אוים די איינגעפאַלענע באַקן און ווי דער קאָליר פון דער הויט ווערט אלץ פרישער און העלער מיט יעדן טאָג.

נאָר עס טרעפט אמאָל, אז איך דערפיל, ווי איך ווער פארפלאָנטערט אין דער נעץ פון די אלע פינקטלאַכקייטן און באַ־קוועמלאַכקייטן פון צימער. דעמאָלסט ווערט מיר אייננ, און עס ווילט זיך מיר מיט א כיון מאַכן עפּעס אן אומאָרדנונג אפן טישל, אָדער צווישן די ביכער אף דער עטאַזשערקע. באָרים קומט צו־גיין, זיין שארפע אויג האָט שוין דאָס באמערקט; ער נעמט מיך צערטלאַך פאַר די הענט און קוקט מיר אין די אויגן אריין.

— „אָ, דו אַנאַרכיסטקע“.

— „באָרים — זאָג איך, א פאַרלאָרענע אין זיינע אָרעמס — ווען וועלן מיר ריידן וועגן די אלע פראַגן, וואָס מיך אינטערע־סירט אזוי — וועגן דער באַוועגונג“.

— „מיין מיידעלע איז שוין היינט ווידער ניט רואיק, — ענטפערט באָרים.

נאָר איך בין היינט איינגעשפּאַרט און ענדלאָך ריידן מיר וועגן אַלערליי טעאָרעטישע פראַגן, וועגן מאַרקסיזם אין רוסלאַנד, וועגן דער רוסישער ליטעראַטור און נאָך און נאָך.

— „דו ווייסט — זאָגט באָריס, מיך אָנקוקנדיק נייגעריק — דו האָסט גרויסע פעיאיקייטן צו באַנעמען זאַכן, וואָס דו האָסט געלייענט, און דו רופסט אָן די שווערע ווערטער און טערמינען ריכטיק אפן פּלאַץ“. — זיינע ווערטער פאַלן אויף מיר שווער און באַליידיקנדיק, איך ווער אויפגערעגט.

— „און דו וואָלסט געקענט אזוי ליב האָבן און אכטן מיך אפילו דאמאלסט ווען איך וואָלט געווען גאָר אומוויסנד? דו, וואָס ביסט אזוי געלערנט“.

לאָזאָווע, 6טן יוני

דער וואַלד לעבט מיט זיין אייביקן, אין זיך אַריינגעטאָנע־נעם לעבן. און דאָס זעלטענע ווינקעלע, וואו עס צעגייען זיך די וועגן אין אַלע פיר זייטן, רופט און מאַניעט ווי אַלע מאָל. נאָר בא מיר אַליין איז ניטאָ קיין רו. גרויסע ספיקות האָבן מיר אַרומגענומען. ווי אַזוי פאַרשטייט מען אַלץ וואָס טוט זיך אָפּ אַרום? וואָס איז געוואָרן פון אונזערע האָפנונגען אַף אַ זיג פון דער רעוואָלוציע? אונזער פרייד צו זען מיט אונזערע אויגן דאָס באַפרייטע רוסלאַנד?

איך זע דעם קאַמף זיך נאָר ערשט אָנהויבן. פון די פרייע טעג איז נאָר פאַרבליבן בא אונז אַ וואונדערלאַבע עראינע־רונג און די רעאַקציע רוקט זיך אָפּן לאַנד ווי אַ שוואַרצער וואָלקן. פון גאַנצן לאַנד קומען אָן ידיעות, ווי אַזוי עס בושעוועט איצט די צאַרישע מאַכט. מיט שטראָף־עקספּעדי־ציעס און טויט־אורטיילן רעכנט זי זיך אָפּ מיט די רעוואָלוציאָ־נערן. און אַלע פינסטערע כחות וואָס האָבן געשטיקט זיך אָפּן דעק פון רוסישן לעבן זענען אויפגערודערט געוואָרן. זיי האָבן זיך דערהויבן און באַקומען אַ טייוולישע מאַכט.

און עס איז געווען אַ רעוואָלוציע און אַלץ איז געבליבן באַם אַלטן. נאָר נייַן, עס קומען אָן נייע צייטן, נאָר זיי זענען מיר פרעמד, איך פאַרשטיי זיי ניט. צו איז מיין אַרבעט אין דער באַ־וועגונג נאָך איצט נויטיק, און וואָס פאַרא אַרבעט וועט מיר גע־געבן ווערן, אַז איך זאָל זיין פייאיק דאָס צו טאָן?

ניט אַזוי האָב איך זיך דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט, אָך, קיין זאַך

איז ניט ווי איך האָב זיך פארגעשטעלט. מיינע געדאנקען פאר־טראָגן מיך עפּעס גאָר אַף פרעמדע געביטן און איך שרעק זיך פאר זיי. איך האָב שוין ניט מער איצט דעם זעלביקן גלויבן אין זיך ווי אלע מאָל. איך פיל ווי איך וואָלט פארלאָרן דעם באָדן פון אונטער מיינע פיס.

אין ס־ל—ם איז נאָך אין מיטן ווינטער געוועזן א גרויסער ארעסט. באַרים און אלע בעסערע טוער זענען אין טורמע, קיין איין ליכטיקע האָפנונג איז פון ערגעץ ניט צו זען.

באַרים בּאַ מיין פעטער אין הויז. ווי אונערוואַרטעט! דער גורל פון סיביר איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַרויסשיקן אים צוריק אין אויסלאַנד און איצט איז ער ווידער דאָ מיט מיר צו זעגענען זיך שוין אויף אַלעמאָל.

עס איז געווען אַ וואונדערלאַכער טאָג, דער טאָג פון באַרי־סעס קומען. איך בין אויפגעשטאַנען גאָר פרי און געלאָזן זיך גיין צום האַפן אין שטאָט, וואו באַרים האָט געדאַרפט קומען מיטן שיף. דער וועג איז געלעגן דורכן וואַלד. די פרישיקע זון האָט זיך געמינעט דורך די בוימער אין גאָלדענע פלעקן. דער וואַלד האָט נאָר וואָס זיך גענומען אויפכאַפן, אַ פרישער ווינטל האָט אים שטיל, שטיל געוועקט, די גראָזן האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּע־לאַך און זיך געצויגן צו דער זון. טראָפּנס טוי זענען נאָך געהאַנ־גען אויף יעדער צווייגעלע ווי בלישצענדיקע פּערל. נאָר די פויגלען האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט אַ געקוויטשערייי און מיט גע־זאַנג איבערן וואַלד.

איך בין געווען אַזוי ווי באַרוישט. דער געזאַנג פון אויפגע־וואַכטן וואַלד האָט זיך אויפגעמישט מיט נאָך אַ ניגון וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון מיר אַליין. איך בין געגאַנגען פּאַמעלאַך, פאַר־אויס און וויפיל דאָס אויג האָט נאָר געקענט זען האָט זיך געצויגן אַ זוניקע וועג. פון ביידע זייטן האָט זיך געטונקלט דער וואַלד. איך בין אַלע ווײַלע אַראָפּגעגאַנגען פון מיטן וועג נענטער צום וואַלד, ווייל איך בין געגאַנגען באָרוועס און דער זאַמד האָט מיר געברענט די פיס. אַנטקעגן מיר זענען אַנגעגאַנגען עטלאַכע פויע־רים מיט קאָסעס פאַרלייגט איבער דער פּלייצע. האָבן מיר זיך באַגריסט און זיי האָבן מיר נאָכגעקוקט מיט ליבלאַכע בליקן. איך

בין געגאַנגען אַלץ ווײַטער, ביז איך האָב דערהערט די שטאָט, דאָס קלאַפּן פון אַ האַמער אין אַ נאָנטער קוזניע און די געבילערײַ פון הינט.

פון דערווײַטנס האָט זיך באַוויזן דער טײַך מיט זײַנע גע־קרײַזלטע גרינע ברעגן און דאָ בין איך געבליבן שטיין.

די שיף איז אָנגעקומען, זי האָט זיך לאַנגזאַם געוויגט אויפ־רודערנדיק דעם שפּיגלדיקן וואַסער. אָט איז באָריס, אָפּן דעק פון שיף. איך זע זײַן הויכע פאַרנעמע פיגור. באָריס האָט געפּאָ־כעט צו מיר מיטן טיכעלע. איך בין אים געקומען אַנטקעגן און פריידיקע און פריילאַכע האָבן מיר זיך באַגעגנט. דערנאָך זײַ־נען מיר געפאָרן דורכן וואַלד אַהיים, אין אַ לאַנגער פויערשער פור.

אינדערפרי, אַז איך כאַפּ זיך נאָר אויף פון שלאָף, דערפיל איך זיך גלײַך אַזוי מונטער. עס איז גרינג אָפּן האַרצן פּונקט ווי אין די פריערדיקע צײַטן. דער ערשטער געדאַנק וואָס מיר קומט אָפּן זינען איז באָריס. איך וועל איצט מיט אים פון אַלץ ריידן, דער־צײלן מײַנע ספּיקות. ער וועט מיר געווים אַלע פראַגן פאַרענט־פערן. ער איז דאָך אַזוי גוט צו מיר. איך זע שוין כמעט ווי אַלץ איז מיר ווידער קלאָר און פאַרשטענדלאַך. און ס'לעבט זיך אַזוי גרינג ווי אַמאָל.

דעם ערשטן טאָג האָב איך שוין געפּרואווט אָנהויבן מיט אים ריידן, אָבער באָריס איז ניט געווען אויפגעלייגט צו פאַרנעמען זיך מיט ערנסטע פראַגן. ער איז צײַטנווײַז אײַנגאַנצן ניט ערנסט און לאַכט נאָר אָפּ פון „געוויסע יונגע מיידלאַך וואָס טראָגן זיך אַרום מיט וועלט־פּראָבלעמען". איך בין זייער געקריינקט פון אַזאַ באַ־ציאונג פון באָריסן צו מיר, אָבער איך האָב באַשלאָסן לאָזן אים דערווײַל זיך אויסרוהען. דערנאָך וועלן מיר שוין מוזן פון אַלצ־דינג ריידן.

⁂

דעם גאַנצן טאָג פאַרברענגען מיר אין וואַלד. גאַנץ פרי קומט

צו מיר באָרים. ער האָט שוין געמאכט א שפּאציר און ער אָטעמט שוין מיט וואַלדיקע ריחות.

— „נו, דבורה'לע — רעדט ער צו מיר — דו זיצסט און נעמסט אַלץ אָן וויכטיקע באשלוסן?"

ער איז אזוי ליב דאַמאַלסט, אז איך מוז ניט ווילנדיק אים אַלץ פאַרגעבן.

אין א ווײַלע אַרום טראָגן מיר זיך שוין איבער די ליכטיקע וועלדער, איבער די צעפלאָנטערטע וועגן ביז צו דער „פּראָספּעקט". דאָ פאַרהאַלט מען זיך א מינוט און דערנאָך לאָזט מען זיך ערשט אין ווייטן וועג.

דער וואַלד לעבט אויף מיט באָריסן. אים איז באַקאַנט יעדער פֿליגעלע, יעדער ווערימל, אַפילו אַזעלכע וואָס זעען זיך גאַרניט אָן, ווײַל זיי האָבן דעם אייגענעם קאָליר פון דער בלעטל און וועלכער זיי זענען געבוירן געוואָרן. באָרים דערזעט עפּעס אַזעלכע ווײַסע פינטעלאַך אויפן האַלז, וואָס אין א צייט אַרום וועט פון דעם אויסוואַקסן לעבעדיקע ברוֹאים. אָט איז א שוואָם, וואָס אָף אים איז א צווייגל געפאַלן און האָט זיך אים אײַנגעשניטן אין היטעלע. באָרים נעמט פּאָרזיכטיק אַראָפּ דאָס צווייגל, זאָל זיך וואַקסן פריי דער שוואָם. א שפּינוועבס וואָס איז קונציק פאַרצויגן צווישן צוויי ביימעלאַך גייען מיר פאָרזיכטיק פאַרביי אום דאָס ניט צו צערייסן.

אָבער דעם גרעסטן כבוד קומט די מוראַזשקעס. זייערע בערגלאַך־היימען, אויפגעבויט פון נאָדלען און צווײַגעלאַך און צוגעטוליעט צו א בוים באַוועגן זיך אַרום. דער בערגל גייט כאָדצ־ראָם פון די שטענדיק אַרבעטנדיקע מוראַזשקעס. אָט קריכט זיך א מוראַזשקע איבערן וועג, זי שלעפּט א טויטע פֿליגעלע מיט זיך, אָט ווערט זי איר אָן און גלייך געפינט זי איר ווידער, דרייט זיך מיט איר הין און צוריק און ברענגט איר סוף־כל־סוף צו דער הויפּט־קוואַרטיר. עטלאַכע מוראַזשקעס צוזאַמען שלעפּן א טרוקענע צווײַגעלע. דער וועג איז לאַנג, דער וועג אויסגעטראָטן פון

מוראזשקעס, נאָר געדולדיק דערשלעפּן זיי דאָס צווייגל ביז צום ציל.

אין אונזערע ווייטע שפּאַצירן באַגעגענען זיך אַמאָל פעלדער מיט קאָרן צי שמעקעדיקע רעטשקע. אַמאָל פאַלט מען אַריין אין אַ דאָרף. די פּויערים באַגעגענען אונז גוטמוטיק און באַגלייטן אונז מיט געטרייע בליקן.

מיט מיין פעטער פילט זיך באַרים היימיש „אָן קונצן", ווי עס זאָגט דער פעטער. בא זיי איז אַוועק אַ שמועס פון דער סמאָלנע, פון דער נייסטער טעכניק און פון נאָך אַ סך הויכע ענינים.

אָבער די מומע איז אין באָריסן ענטוישט. זי האָט אין אָנהויב געהערט, אַז באָרים קומט פון אויסלאַנד, האָט זי ניט אָנדערש גערעכנט, אַז ער איז געווען אין פראַנקפורט־אַם־מאַין. אָבער באָרים איז דאָרט ניט געווען, האָט ער בא איר פאַרלאָרן דעם גאַנצן חן. און אַ כעס טראָגט זי אויך צו באָריסן מיט מיר צוזאַמען פאַר זיין קומען. און שבת אַז עס איז געקומען װעלוועל דעם ישוב׳ניקס ווייב און זי האָט אָפּגערופן אָן אַ זייט דער מומען צו פרעגן איר:

— „נו אפשר אַ חתן?" — האָט די מומע געגעבן אַ בייזן קוק אין מיין זייט.

— „לאָמיך אַזוי וויסן פון זייערע ביידנס קעפּ".

איינמאָל אין אָוונט האָב איך עס שפּאַסנדיק דערציילט צו באָריסן נאָר ווי עס ווייזט אויס האָב איך עס ניט געדאַרפט טאָן. באָרים איז פון דעם עפּעס געוואָרן זייער אומרואיק. עטלאַכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען זייער פאַרטראַכט, כמעט גאָרניט גערעדט. דערנאָך האָט ער איינמאָל פּלוצלונג בא מיר געפרעגט:

— „ווי דיינקסטו ווענן אַזאַ פראַגע: ווען איינער האָט אַ געליבטע און מוז צוליב זיין געזעלשאַפטלאַכער לאַגע חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער?"

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב ביז איצט פון אַזאַ פראַגע ניט געטראַכט. וואָס גייט מיר אָן ווי אַזוי די מענטשן אָרדענען זיך איין זייער פּריוואַטן לעבן? האָב איך נאָר געזאָגט

מיין מיינונג, אז די מענטשן וואָס טראַכטן וועגן זייער פּריוואַטן לעבן זענען מיר ניט סימפּאַטיש, ווייל אַזעלכע זענען שוין דער־מאָלסט פאַרלאָרן פאַר דער באַוועגונג.

דאַן ערשט האָט באַרים זיך ענדלאַך באַרואיקט און איצט איז ער ווידער דער זעלבער לוסטיקער ווי אַלע מאָל.

ווילנע, 5טן יוני.

אַט איז שוין באַלד אוועק אַ יאָר און איך האָב נאָך גאָרניט אויפגעטאָן. איצט שטיי איך מיט פאַרלייגטע הענט און פרעג זיך אַליין — וואָס וועט זיין ווייטער?

באַלד נאָך באַריסעס אוועקפאָרן האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג צום לערנען זיך. איך האָב אויסגעקליבן ווילנע, די שטאָט פון קולטור, וואו מען קען אַזוי פיל לערנען און דערגרייכן.

ווילנע. די קלאַסישע שטאָט פון „בונד", פון די קרומע און איינגע געסלאַך זענען אירע גרויסע תלמידים אַרויסגעקומען, זע־נען איבער גאַנץ רוסלאַנד צושיקט געוואָרן ווי שלוחים, אָנצוזאָגן דער אַרבעטער־וועלט די ליכטיקע בשורה, צו פאַרשפּרייטן אומע־טום די נייע תורה.

אין די פרייע טעג האָבן זיך דאָ רירנדיקע סצענעס אָפּגעטאָן. פון אַלע עקן רוסלאַנד האָט מען זיך דאָ איצט צוריק פאַרזאַמלט. חברים און פריינט וואָס זענען צעשיידט געווען דורך דער אונ־טערערדישער אַרבעט זענען ערשט זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, געדריקט זיך די הענט, זיך געקושט פון פרייד.

איצט זעט אויס די שטאָט פאַרוויסט און צעבראָכן, ווי נאָך אַ שלאַכט. די בעסטע טוער זענען אַרעסטירט, אַנדערע האָבן אַליין פאַרלאָזן די שטאָט און די איבעריקע זענען פאַרמאַטערט און קראַנק. די קלובן און פאַראיינען, וואָס האָבן אַזוי אויפגעלעבט דאָ גאָר ניט לאַנג, פאַרמאַכן זיך איצט איינע נאָך די אַנדערע.

מיין לערנען זיך דאָ, איז דאָך געווען מיט ערפאָלג. באַטאָג האָב איך געאַרבעט און אין אָוונט געגאַנגען זיך לערנען. יעדע מי־נוט איז געווען אויסגעפילט מיט אַרבעט, נאָר קיין איין ווינקל איז

ניט געווען אויסגעפּילט אין געדאַנק. דאָס לערנען און די אַרבעט האָט זיך געטאָן אָן דער פריערדיקער לוסט, אַזוי ווי איך אַליין וואָלט קיין אַנטייל ניט גענומען אין דעם, ווי עס וואָלט אויסגע־פּעלט דער העכערער זינען צוליב וואָס מען דאַרף דאָס אַלץ טאָן — די אידייע.

און איין מאָל איז דאָס געווען, ווען איך בין געזעסן מיט מיין איבערגעגעבענעם לערער און ער האָט געלויבט מיינע פייאיקייטן, האָב איך מיט אַמאָל זיך דערפילט ווי אַ פרעמדע צו אַלע מענטשן און מיר איז אומהיימלאַך געוואָרן פון אָט־דעם שרעקלאַכן געדאַנק.

סלאָנים, 2טן סעפּטעמבער.

איך בין געקומען צולויפן אהער אין שטאָט. מיר האָט זיך נעדוכט, אז דאָ האָב איך איבערגעלאָזן עפּעס זאכן, וואָס האָבן א גרויסן ווערט. מיר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער זען די טייערע, אינטימע חברים, וואָס זענען נאָך דאָ פאַרבליבן, און מיט וועלכע איך בין געווען אזוי נאָנט פאַרבונדן.

צום ערשטן קומט מיר אַנטקעגן עפּשטיין, דער העברייאישער לערער מיט זיין געקנייטשטן ערלאכן פּנים. אלע פאַרנאכט נאָך די „שטונדן" גייט ער ארויס אפן דאמבע שפּאַצירן. ער האָט שוין אָנגעטאָן זיין אָסיענדיקן ראָק.

— „אז ס'ווערט קיל — זאָגט ער — מוז מען זיך שוין אָנטאָן ווארימער". ער געדיינקט, אז פאַראיאָרן אין דער צייט איז נאָך געווען אמת'ער זומער.

יאָסל דער סטאָלער איז געוואָרן אַן איידעם פון א רייכן שווער. ער גייט אָנגעטאָן אין א נייעם קאָסטיום. זיינע קוטש־מעדיקע האָר זענען איצט אָפּגעשאָרן ביזן קאָפּ. און אלע ווײַלע נעמט ער ארויס דעם גאָלדענעם זייגער כדי אים אָנצושטעלן אף ריכטיק.

ביילקע די פּריקאַזטשיצע איז איצט ענערגישער ווי אלע מאָל. זי האָט אוועקגעוואָרפן די קראם, איר ציל איז צו ווערן א פּראָוויזאָר אין אַן אפּטייק. זי גייט אויך אפן דאמבע יעדער טאָג, מיט עטלאכע ביכלאך אונטערן אָרעם, און ריידן רעדט זי איצט רוסיש.

איז געקומען צופאָרן פאַניע ראָזענצווייג די קורסיסטקע, וואָס האָט שטודירט אין אויסלאנד, זי איז געקומען מיט א דיפּלאָם פון א דאָקטאָר און מיט א סך נייס וועגן דער באוועגונג, ווייל זי האָט

דאָרט געקענט אַלע טוער פון „בונד“, דאָרט האָט מען פון אַלץ גע־וואוסט. זי איז אזוי צופרידן. זי רעדט מיט ענטוזיאַזם. בא איר קומט עס אויס זייער אן אינטערעסאנטע געשיכטע, וואָס האָט זיך פארלאָפן, א שיינער עפּיזאָד

אַלטער ראַבינאָוויטש איז דאָ אויך פאראן. ער האָט צוריק שלום געמאכט מיט זיין טאטן און גרייט זיך איצט אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט. ווי אָפּטימיסטיש ער איז געשטימט:

— „יאָ, מיר האָבן א סך אויפגעטאָן און מען דארף ניט קוקן אזוי טרויעריק אין דער צוקונפט“. — ער האָט איצט אזוי פיל וואָס צו טאָן. ער דארף אָניאָגן צייט.

און שבת האָט ער אויפגערופן די ארבעטער און געמאכט פאר זיי א פארזאמלונג אין וואַלד. ער האָט אויך אָן זיי ניט פארגעסן. אָ, אַלטער איז ניט דער מענטש ער זאָל פארגעסן אָן די ארבעטער. ער האָט זיי געגעבן זייער אן ענערגישע רעדע.

— „מען דארף ניט קוקן אזוי טרויעריק אין דער צוקונפט“— האָט ער געזאָגט. — „די איצטיקע רעאקציע איז נאָר א צייטווייַ־ליקע. געווים מוז מען ליידן. אָבער דער אמת איז אף אונזער זייט און סוף־כל־סוף וועלן מיר זיגן“.

און די ארבעטער האָבן אים אויסגעהערט דאמאָלסט שווייגנ־דיקע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און עס איז געווען שווער צו ווימן פון וואָס זיי האָבן דאמאלסט געטראכט.

***

ווי גוט דאָס איז, אז מ'קען פאַראויסזען געשעעניש, וואָס דארפן קומען. עס זענען דאָך פאראן מענטשן, וואָס ווערן פון קיין זאַך ניט פארוואונדערט, און קיין זאַך איז פאר זיי ניט ניי, נאָר, פארקערט, אז עס טרעפט עפּעס א געשעעניש, זאָגן זיי, אז זיי האָבן עס נאָך פאראויסגעזען און פארשטאַנען א סך פריער.

צוליב וואָס זאָג איך דאָס אַלץ? ווייל צו מיר קומט יעדע

נייע זאַך פּלוצלונג. די געשעעגישן לאָזן זיך אראָפּ אף מיר אזוי, אז איך וויים נים פון וואנען זיי זענען געקומען און ווי אזוי איז דאָס געשען.

אומגעריכטערהייט האָב איך זיך איצט דערזען אָן פריינט, איינע אליין, אָן א באַשטימטן קרייז וואו איך דאַרף געהערן. דער געדאַנק איז געקומען צו מיר ווי א בליץ, ווען איך בין געגאַנגען אינמיטן גאַס. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך ארומ־קוקן אין אַלע זייטן. און עס איז געווען, ווי איך וואָלט זיך געפונען ארומגעצוימט מיט א וואַנט, וואו מען קען ווייטער נים גיין.

עס וואַקסט א וואַנט צווישן מיר און מיינע פריערדיקע פריינט, און ווען מיר באַגעגענען זיך, פיל איך, ווי עס איז פאַר־לאָרן געגאַנגען עפּעס א טייערע זאַך.

עס ציען זיך איצט טריבע פינסטערע טעג. איינער געראָטן אין אַנדערן, מיין אַרבעט האָב איך פאַרלאָזן, האָב ליב געקראָגן צו ליגן איינגעגראָבן אין קישן און שלאָפן. דאָס איז אייגנטלאַך נים קיין שלאָף, נאָר א מין פאַרגעסנהייט. אין קאָפּ דעמאָלט בלאָנדזשען ארום אומפּרוכטבאַרע געדאַנקען, אָפּגעריסענע שטיק־לאַך עראינערונגען.

עס איז געקומען צופאָרן לייבטשיס דער מאַלער. ער איז זייער באַלעבט, ער אָטעמט נאָך מיט רעוואָלוציע, אין די פרייע טעג איז ער געווען דער טריבון פון טויזנטער אַרבעטער אין א גרויסער פּוי־לישער שטאָט. ערשט איז ער באַגייסטערט פון א נייעם געדאַנק: ער וועט אַרבעטן פאַר „די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וואָס פאַר־שפּרייטן זיך איצט ווי א נעץ איבער גאַנץ רוסלאַנד".

לייבטשיס איז ווי א געטרייער סאָלדאַט געבליבן שטיין אויף זיין פּאָסטן. איצט עפּענען זיך פאַר אים נייע וועגן. זיין עגמת־נפש איז איצט פאַר מיר, פאַר מיין „קראַנקן צושטאַנד", ווי ער רופט עס. ער האָט אַזוי פיל געהאָפט מיר זאָלן פאָרן ערגעץ אין א גרויסער שטאָט צוזאַמען, און אַרבעטן פאַר דער באַוועגונג, ווי אַמאָל. אַלץ נאָר וואָס מ'קען, טוט לייבטשיס, אַז מיין לעבן זאָל אַוועקגיין נאָרמאַל, אַרבעטן און רוען אין צייט. און אַז איך קען אים שוין מערניט פאַרשאַפן קיין קריינקונג, מוז איך אים אָפּנאַרן: פאַרנאַכט, באַם טרעפן זיך ווייס לייבטשיס אַז איך האָב זיך אויפ־געפירט ווי עס דאַרף צו זיין, געאַרבעט און געווען א „מענטש".

איך האָב ניט לאַנג געלייענט א דערציילונג: איינער א שריי־בער האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער איז שוין ניט דאָס וואָס געווען, אַז ער שרייבט זיך אויס, ער האָט פאַר דער לעצטער צייט גאָרניט געשאַפן, און זיינע פריינט האָבן אַלץ פון אים עפּעס דערוואַרט. ניט וועלנדיק פאַרשאַפן קריינקונג צו זיינע פריינט, האָט ער זיי אַלעמען געזאָגט אַז ער שרייבט איצט א גרויסע ווערק, א היסטאָרישן בוך.

אויך איך שרייב פאַר לייבטשיקן דעם זעלבן היסטאָרישן בוך.

פיל לעבן האָט דאָ לייבטשיס אַריינגעטראָגן אין דער באַווע־גונג. ער וועט אויפזאַמלען די איבערגעבליבענע מיטגלידער. ער וועט אויפשטעלן צוריק די אָרגאַניזאַציע. ער איז אַזוי פול מיט האָפנונג און גלויבן.

לייבטשיקן האָט זיך איינגעגעבן מיך צו ברייננגען צו זיינער א פאַרזאַמלונג. און נאָך איין וואונדערלאַכע מינוט האָב איך גע־

האט זיין שטימע האָט ווי אַלעמאָל געקלונגען הויך, אַנזאָגעריש. און האָט געוועקט בא אַלעמען נייעם מוט.

איין מינוט, בא זיין ריידן האָבן זיך אונזערע בליקן באגעגנט און אין זיינע אויגן האָב איך געקאָנט לייענען דאנקבארקייט צו מיר.

אידע, אידע! פאַרוואָס ביזטו איצט ניט מיט מיר? ווי וואָלט איך דיר איצט ארומגענומען און געוויינט, און מיר וואָלט געווען אזוי גוט.

נעכטן איז געווען א וואונדערלאַכער טאָג. ארבעטן האָב איך ניט געקאָנט, די געדאנקען זענען געווען ווייט פון מאסטערסקאיע, טויזנט מייל ווייט. בין איך אוועק אף א גאַנצן טאָג אין וואַלד.

דאָ אין וואַלד האָט דער הערבסט שוין אָנגעהויבן זיין צעש־טערנדיקע ארבעט. די בוימער זענען שוין געווען ערטערווייז אָפּ־געדעקט, הויל, און די בלעטער זענען דאָ ארום אָנמעכטיק געלעגן, צעקנייטשטע און פארוועלקטע. נאָר וואָס פאר א רייכקייט אין אויסזען האָט באקומען דער וואַלד, די קאָלירן פון טונקל גרין ביז שטארק געל וואָס גייט שווין אריבער אין א רויטקייט. עס איז גע־ווען א רירנדיקע בילד פון אונטערגאנג און פארלאָזנקייט. א פויג־ער איז פארבייגעגאנגען דורכן וואַלד, ער האָט זיך ערגעץ געהיילט. ער האָט ראַשיק געשפּאַנט איבער די צעוואָרפענע בלעטער, גע־טראָטן זיי מיט די פיס. זיי האָבן ארויסגעלאָזט פון זיך א שאַרפן ריח און שאָרך, וואָס איז געווען ענלאַך צו א וויי־געשריי.

איך האָב זיך געזעצט נידעריק אף א פּיען. אין הארצן האָט אזוי געקלעמט ווי באם זעגענען זיך מיט א טייערן פריינט. באַלד האָבן זיך אַלערליי בילדער געגומען טראָגן פאר מיינע אויגן, ביל־דער פון דער נאָר־וואָס פארגאנגענער צייט. מיט א באזונדערער קלאָרקייט האָט זיך מיר איצט מיין צושטאַנד פאָרגעשטעלט. מיט פארוואונדערונג האָב איך געפרעגט בא זיך אליין: אוואו איז אהינגעקומען מיין פריערדיקער שטאַרקער גלויבן, מיין זיכערקייט אין אַלץ וואָס איך האָב נאָר געטאָן? די צוקונפט האָט דאָך שטענדיק אויסגעזען אזוי העל, ליכטיק. ווי גרינג ס'האָט זיך

דאָס געלעבט. און אלע פראגן איז געווען א ריכטיקער ענטפער, איינס האָט זיך אריינגעפּאסט אין אנדערן, קיין שום ווידער־שפּרוכן האָט זיך ניט אָנגעזען, אז מ'האָט דאָך פון אלץ געוואוסט.

עס איז אָנגעקומען איצט א שטורם־ווינט און האָט צעשטערט דעם גרויסארטיקן בנין. קיין זאך איז ניט געבליבן אפן אָרט. און מען מוז אָנהויבן פון דאָס־ניי, אלץ איבערקוקן און איבער־טראכטן. געבליבן איז נאָר דער געדאנק אז אייגנטלאך ווייס איך איצט גאָרניט. האָב איך דאָך עפּעס געלערנט, געהאַט א באגריף אין אלע זאכן, אָבער דאָס איז נאָר געווען פון אלץ צו ביסלאך, אפן שפּיץ־מעסער. פארמאָגט האָבן מיר דעם גרויסן גלויבן, וואָס האָט געקאָנט וועלטן איבערקערן. דאָס איז געווען א הערלאכע צייט פון העלדישקייט און מקריב־זיין זיך.

און באלד האָבן זיך אָנגערוקט אפן זכרון בילדער פון אונזער רעוואָלוציאָנערן, אונטערערדישן לעבן, די געהיימע פארזאמלונגען, די פרייד אז ס'האָט זיך איינגעגעבן דורכפירן א געפערלאכע אר־בעט, דער עקסטאַז פון די איינציקע העלדן־טוער, אין די טורמעס און אין סיביר.

איך ווייס ניט ווי לאנג איך בין געזעסן אזוי פארזונקען אין די עראינערונגען. אז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען פינסטער. מיטאמאָל האָב איך פון דערווייטנס דערזען לייבטשיקן, ער איז געשטאנען אנגעשפּארט אָן א בוים און האָט אויסגעזען ווי פארגליווערט. איך בין צוגעגאנגען צו אים, נאָר לייבטשיק האָט ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט, און מיר זענען שווייגנדיקע געגאנגען אהיים.

ארום איז געווען שטיל, אונזערע טריט האָבן ווייט אָפּגע־הילכט אין דער לופט. הויך איבערן וואלד האָט זיך באוויזן די לבנה, אָן איינזאמע און א טרויעריקע. איבער איר זענען ווי א קאָשמאר געהאנגען שווארצע שטיקער וואָלקנס, גרייט אלע ווילע איר איינצושלינגען.

***

איך טראכט אפט, אז די מאַסטערסקאיע איז אויך א גוצלאָ־

כע זאך אף דער וועלט. יעדעס מאָל, ווען איך קער זיך צו איר אום, נעמט זי מיר אויף מיט אָפענע אָרעמס. די מיידלאך באם טיש באַגעגענען מיר מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי:

— „אָ, דבורה'לע".

איך פיל זיך אַנטקעגן זיי ווי אַ פאַרשולדיקטע, וואָס פרואווט יעדער מאָל זיך אומקערן צוריק אפן ריכטיקן וועג.

א ווײַלע ווער איך אַרײַנגעצויגן אין דעם לעבן פון מאסטער־סקאיע. די לעבנסלוסטיקע מיידלאך מיט זייערע נאַאיווע שמועסן ווירקן אף מיר דערפרישנדיק.

א דאמע איז געקומען אָנצומעסטן איר קלייד. איך גיי מיט איר אין זאַל אַרײַן. און אָט דערזע איך אין גרויסן שפּיגל עפּעס א טרויעריקע פיגור, א בלאסן, אויסגעמאטערטן פנים. אין האלז הויבט אָן צו שטיקן און די דאמע קוקט אף מיר שטארק פאַר־וואונדערט.

***

לייבטשיק דער מאלער איז אוועקגעפאָרן. מיר האָבן געמאַכט א „וועטשערינקע" צו געזעגענען זיך מיט אונזער טייערן חבר.

נאָך איין מאָל האָבן זיך אַלע חברים געטראָפן צוזאַמען, ווי אין די פריערדיקע צייטן, אין אינטימע, האַרציקע שמועסן. מיר האָבן געמאַכט א פלי־פּאָסט, געשריבן זיך בריוועלאַך, שאַרפע און געפילפולע, וואָס האָט געטראָפן גלייך אין האַרצן אַרײַן. איין בריוועלע איז געווען צו מיר:

„דיר איז, ווייזט אויס, באַשערט צו הויבן זיך און צו פאַלן, אויב פאַלן ווינטש איך דיר פון וואָס א גרעסערער הויך".

אַלטער ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש צו זאָגן א טאָסט. אין דער מינוט איז ער ווידער געווען אונזער איי־בערגעגעבענער חבר. עפּשטיין, דער העברעאישער לערער, איז שכור געוואָרן פון טרינקען. ער איז געזעסן א שמייכלדיקער, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן צו א מיידל, וואָס איז געזעסן

אַנטקעגן אים, דערלאַנגט איר אַ קניפּ אין באַק און צוריק זיך אַוועקגעזעצט אַף זײַן אָרט. די מיידלאַך האָבן זיך אויך אָנגע־שכור'ט, און ביילקע די פּריקאַזטשיצע האָט נאָר געוואָלט זיך שטעלן אַפן טיש און פון דאָרט ריידן צו אַלעמען. און אַז אַלע צו־זאַמען האָבן געזונגען איז עס געווען אין הויכע, רייסנדיקע טע־נער.

לייבטשיק דער מאַלער האָט געטרונקען ווײַן גאָר אָן אָן אויפ־הער, מיט עפּעס אַ ווילדער איינגעשפּאַרטקייט, און קיינער האָט אים ניט געקאָנט אָפּהאַלטן. נאָר אָנ'שכור'ן זיך האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. ער האָט אויסגעזען שרעקלאַך בלאַס און האָט שווער געאָטעמט. מײַן בליק האָט ער אויסגעמידן.

איך האָב אין יענעם אָוונט ניט געקאָנט געפינען זיך קיין אָרט פון ווײַן און בראַנפן האָט מיך אָפּגעשטויסן. איין ניכ־טערע צווישן אַלעמען. איך בין געווען אויפגערעגט און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

צום סוף זענען אַלע מיד געוואָרן. און מ'איז געוואָרן שטיל. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַלע אין איין הורבע און עמיצער האָט מיט אַ שטילער שטים אָנגעהויבן זינגען אַ ליד. איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם דאָזיקן ליד, און עס האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז דאָס זינגט זיך פון מיר.

Тянутся по небу тучи тяжелые,
Мрачно и сыро вокруг.
С плачем деревья качаются голые.
Не просыпайся, мой друг...
Не разрывай сновиденья веселые,
Не раскрывай своих глаз...
Сны беззаботные, сны мимолетные
Снятся лишь раз.

אַ, מײַנע טעג זענען אַזוי ענלאַך צו יענע וואָלקנס, שווערע און טרויעריקע. דער שיינער חלום — דאָס איז אין דער פאַר־גאַנגענהייט, די ליכטיקע ניט־ווײַטע פאַרגאַנגענהייט.

סלאָנים, 16טן מארט

עס איז פרילינג אפן גאַס, איצט ווען איך זיץ אין מיין צימער. א לאַנגער, לאַנגער ווינטער איז אַוועק און איצט איז ווידער פריי־לינג אפן גאַס.

דער גאַנצער געגנט אַרום דאַמבע, וואָס איז געווען איינגע־שמידט אין אייז, האָט איצט נאָכגעלאָזט. עס האָבן זיך אויס־געבילדעט טויזנטער קליינע טייכעלאַך, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך פריילאַך די זון. אונטן באַם בריק קאָכט און רוישט דאָס וואַסער, ווערנדיק אַף א ווײַלע פאַרהאַלטן אָן די פּאַליעס פון בריק. דאָרט גייט אַן איילנדיקע אַרבעט. די וואַסערן יאָגן זיך מיט א מורא'דיקער שנעלקייט, זיי טראָגן מיט זיך פון ער־גערץ־וואו קריעס אייז, און וואָרצלען פון געוויקסן, און אַלץ, וואָס מאַכט זיך זיי אין וועג.

עס איז גוט צו פילן אַף זיך די שטראַלן פון דער זון. צו אָטעמען און צו באַוועגן זיך. אויב עס האָט עפּעס פּאַסירט מערקווירדיקייטן דורכן לאַנגן ווינטער, איז עס געווען ניט מיט מיר. עס האָט געקענט זיין נאָר א משונה'דיקער חלום.

ס'האָט זיך מיר געדוכט, איך בין געקומען צופאָרן אין דער שטאָט ס..., וואו ס'האָט געוואוינט לייבטשיק דער מאַלער. אַלע אין שטוב באַ אים האָבן זיך זייער געפרייט: „זיין כלה"—האָבן זיי גע־זאָגט. לייבטשיק האָט זיך אויך געפרייט, נאָר ער פלעגט אָפט קוקן טרויעריק אַף מיר און זאָגן, אַז איך בין אין א „קראַנקן צו־שטאַנד" — א מרה־שחורה אַזאַ.

לייבטשיק האָט געהאַט א פריינט א קינסטלער, וואָס פלעגט מאָלן בילדער, איז ער איין מאָל געקומען אהין צוזאַמען מיט מיר.

איך האָב נאָך דאמאָלסט גאָרניט געוואוסט פון קונסט. איך האָב געזען, ווי דער דאָזיקער מענטש באשאפט לעבעדיקע בילדער, האָב איך אָנגעהויבן שטארק צו גלויבן אין אים, ווי עפּעס א ווילדע.

איך האָב אָנגעהויבן קומען יעדן טאָג צו אים אין סטודיא, פלעג אָפּזיצן דאָרט שעה'ן־לאנג און זיך איינקוקן ווי פון אונטער זיין פענזעל זיינען וואונדער באשאפן געוואָרן, אלץ וואָס לעבט אין דער נאטור האָט ער געקענט איבערשאפן, נאָכמאכן, און איך האָב נאָך מער אָנגעהויבן גלויבן אין זיין איבערנאטירלאכער קראפט.

איך האָב אָנגעהויבן נאָכגיין זיינע טריט, פלעג ליב האָבן זיך צו פארטיפן אין זיינע אויגן, אזעלכע גרויסע און טונקעלע. איך האָב געזען אין זיי טיפע סודות, וואָס מיר האָט זיך געגלוסט זיי צו אנטפלעקן.

לייבטשיק האָט דאָס אלץ צוגעזען, נאָר ער האָט מיך אָפּגעהיט ווי פריהער, ווי מען היט אָפּ א מענטשן וואָס איז אין א קראנקן צושטאנד. נאָר מיט יעדער טאָג איז ער שטילער געוואָרן און אָפּט, אז איך פלעג קומען אהיים, פלעג איך דערזען אין זיינע אויגן א פיבערהאפטיקן גלאנץ.

„ער טרינקט" איז מיר א שרעקלאכער געדאנק דורכגעלאָפן, און „דאָס איז צוליב מיר". אָבער ווי אזוי זאָל איך צוריקהאלטן די אלע משונה'דיקע כוחות, וואָס האָבן מיטאמאָל אויפגעשטורמט אין מיר? אין אונזער שטילן ווינקעלע איז מיר איינג געוואָרן, מיך האָט געצויגן צו ווערן אויסגעלאסן, צו פארברייינגען נעכט אין פריילאכע אָרגיעס. און איך פלעג מיך ווי־ניט־איז אליין באהערשן.

דער מאלער און זיין סטודיא איז שוין ניט געווען דער צענטער פון מיינע געדאנקען. עפּעס א מרה־שחורה האָט מיר די גאנצע צייט ניט אָפּגעלאָזן. איך האָב זיך דערזען פארפלאָנטערט אין א נעץ פון אזוי פיל קעגנגעזעצטע געפילן, ס איז גוואָרן אזוי איינג, נאָר דרשטיקט צו ווערן.

א גרויסער יאוש האָט מיר ארומגענומען. דער געדאנק האָט אָן אויפהער געזוכט אָן אויסוועג. ביז כ'האָב אויסגעפונען, אַז איך וואָרן מיט זיך שטארק צופרידן און מער שוין פון קיין זאך ניט וואָרן מיט זיך שטארק צעפרידן און מער שוין פון קיין זאך ניט געטראכט.

מיטא באזונדער הנאה האָב איך מיך גענומען גרייטן צום טאָג פון אומברייננגען זיך. אַלע אָוונט פלעג איך אַרויסגיין צו דעם שטאָטישן טייך צו באַשטימען דעם אָרט. דער טייך, איינגעוויקלט אין פינסטערניש און באוואכט פון אומבאוועגלאכע בוימער, האָט אויסגעזען אין אָנהויב אונהיימלאך. נאָר וואָס ווייטער איז ער ליבלאכער געוואָרן, און האָט אָנגעהויבן רופן און מאניען צו זיך.

ווי שווער עס איז דאָך געווען צו שטארבן! איינמאָל, ווען איך בין, דוכט זיך, שוין געווען אינגאנצן גרייט אף דעם, בין איך צופעליק ארוים אין גאס, א ווינטל האָט אווייע געטאָן מיר אי־בערן פנים, עס האָט מיר ווי אָן עפּעס דערמאָנט. איך האָב גע־פילט, ווי אין הארצן האָט זיך אויפגעהויבן א גאנצער שטורם, א פּראָטעסט קעגן מיינע אייגענע מעשים און א יאָמער אָן אינעוויי־ניגסטן האָב איך דאָרט דערהערט: „ניין, ניין". דאָס איז גע־ווען א מין חיה'שער געשריי. איך האָב זיך פאר דעם דערשראָקן און בין אריינגעלאָפן צוריק אין שטוב.

ביז עס איז געשען. איך האָב דערהיט די מינוט באם טייך ווען קיין מענטשן זענען ניט פארבייגעגאנגען. מיט איין שפּרונג בין איך שוין געווען איינגעטונקט אין טיפן טייך, געפילט ווי דער קערפּער לאָזט זיך צום גרונט, שלינגט אין זיך דאָס וואסער. זאָל דאָס זיין דער סוף?

א פאָרבייגייער איז צופעליק צוגעקומען צו יענעם אָרט. ער האָט דערנאָך דערציילט, ער האָט דערזען עס שטאָרבט א מענטש, האָט ער צעגויפגערופן א גרויסן עולם, מען האָט געמאַכט א לאנגע קייט פון מענטשן, די קייט האָט זיך געצויגן פון הויכן ברעג ביז ווייט אין טייך אריין, און אזוי האָט מען דעם קער־פּער ארויסגענומען א האלב־טויטן, די מענטשן האָבן, ווייזט אויס,

ארויסגעוויזן א באזונדערע איבערגעגעבנקייט צו ראטעווען א נפש, עטלאכע פון זיי האָבן אָנגענומען דעם קערפּער פאר די הענט און פאר די פיס און אָנגעהויבן עס וויגן אין דער לופטן, ביז זיי האָבן דערהערט עפּעס א געברום, א סימן דער מענטש האָט אָפּגעלעבט. דערנאָך האָבן זיי דעם מענטשן ארייגעטראגן אין א דערבייאיקער שטוב, אויסגעטאָן די זאכן און געלייגט אין א ווארימער בעט.

א קליין אינגעלע פון יענער שטוב איז געשטאנען די גאנצע נאכט באם בעטל א פארגאפטער, און מיטגעטיילט אלע ווילע זיין מאמען, וואָס ס'טוט זיך מיט דער דערטרונקענער. אין אָנהויב איז איר לייב געווען שווארץ, דערנאָך איז עס געוואָרן בלוי, דערנאָך געל, און אז ס'האָט ארויסגעשפּארט אָפּן געזיכט די נאטירלאכע ווייסקייט פון א לעבעדיקן מענטשן, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן פּאטשן מיט די הענט און טאנצן פאר פרייד.

איך האָב געקענט איינע אַ פרוי, וואָ האָט שטאַרק געליטן פון עפּעס אַ קריינק, און וואָס איז געווען זייער אָרים, נאָר זי איז געווען גלייכגילטיק צו איר אייגענער לאַגע.

— „אַט איז מיר איצט שלעכט — פלעגט זי זאָגן, — נאָר מיך אַרט ניט". — אַזוי איז איצט מיט מיר. איך בין גלייכגיל־טיק צו אַלץ, וואָס אַרום. נאָר מיך אַרט ניט, אַז איך לעב. איך גיי אַרום צווישן די מענטשן ווי אַ גאַסט, ווי אַ צושויער וואָס שטייט פון דערווייטנס.

— „אַט־דאָס איז גוט — זאָג איך — און דאָס געפעלט מיר ניט".

איך טראַכט אַמאָל, אַז עס וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן צו אָנהויבן לעבן, עפּעס צו טאָן, אָבער עס לוינט זיך ניט אָנצור־שטריינגען. די צילן זענען אַזוי קליין, אַז איך קאָן זיך שוין זיי פאָרשטעלן דערגרייכטע, און באַלד קומט די פראַגע — וואָס וועט זיין ווייטער?

עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך צו וואָס מען זאָל זיך קענען אָפּגעבן אין גאַנצן, מיט אַלע חושים, און עס זאָל אויספילן דעם ליידיקן אָרט, וואָס אין האַרצן איז פאַרבליבן.

און אַרום מיר זיינען אַלע אַזוי פאַרנומען. אַלע מענטשן האָבן אַזעלכע נויטיקע אינטערעסן. אַז מען קוקט זיך צו, האָבן אַנדערע אַפילו אידעאַלן. דאָס הייסט, מען נעמט אַ גוטע ביר־גערלאַכע איינגעשאַפט און מען מאַכט עס פאַר אַן אידעאַל.

איך קען איינעם, וואָס זיין אידעאַל איז צו זיין אָרענטלאַך, ניט צו פאַרנעמען קיין פרעמדס. ער איז גליקלאַך ווען ער איז קיינעם גאָרניט שולדיק.

— „גאָט צו דאנקען — זאָגט ער — איך בין קיינעם ניט שולדיק".

און א פרוי קען איך דאָ, זי איז געווען אמאָל אונזערער א מיטגליד — איטקע דעם קצב'ס, זי איז געגאנגען צו מיר אין א קרייז פאר פאליטישער עקאָנאָמיע. דעם גאנצן טאָג פלעגט איט־קע העלפן דער מאַמען פארקויפן פלייש, און באנאכט אין קרייז איז זי שטענדיק געווען שלעפעריק. איינמאָל, איך גערדיינק, עס איז געווען אן אינטערעסאנטער אָוונט, מיר האָבן געלערנט „די געשיכטע פון ציוויליזאציע". איך האָב זיך פארטיפט אין די בילדער פון אלטערטום, אזוי ווי דאָס פלעגט טאָן יעפים אמאָל אין כארקאָוו. איטקע האָט אָנגעשפארט די הענט אונטערן קאָפּ און זיך שוין געקליבן ארויסצולאָזן א כראָפּ. בין איך געוואָרן זייער אויפגעבראכט און האָב זיך געווענדט צו איר מיט מוסר. זי האָט זיך געגעבן א כאַפּ אויף, די אויגן זענען איר רויט געווען און זי האָט דאמאלסט געקוקט אויף מיר ווי א גזלן.

איטקע האָט א סך געלייענט. אלע טאָג פלעגט זי נעמען אן אנדער ביכל. נאָר עס האָט אויסגעזען ווי די קערנער פאלן אויף אן אומפּרוכטבארן באָדן. ווייל זי איז פארבליבן אָפּגעשטא־נען פון גאנצן קרייז.

איצט איז זי אליין אן אייגנטימערן פון א יאטקע און האנדלט מיט גרויס דערפאָלג. בא איר זענען נאָך פארבליבן א סך ליטע־ראַרישע ווערטער, ווי „פּאקטיש", „לאָגיש" און „אבסאָלוט", מיט וועלכע זי ציט צו א סך קונים.

*
**

איך האָב אזוי פיל אויסגעגעבן אין דער פארגאנגענהייט, אז מיר איז גאָרניט פארבליבן פאר היינטיקן טאָג. איך פיל מיך צווישן מענטשן ווי א פינפטער ראָד צום וואָגן, איך ארבעט ווייניק נאָר ווען מען מוז, און ניט אין דער געהעריקער צייט. ווען אלע ארבעטן בין איך פריי, און אזוי פארקערט. נאָר שבת איז גאָר גוט, דאמאלסט האָב איך אויך א רעכט גאָרניט צו טאָן.

מיין הויפט־אָרט צו פאַרברייננגען איז די דאַמבע. איך זיץ בא דעם ברעג פון טייך און קוק זיך איין אין זיינע לויפנדיקע וואַ־סערן. די בוימער ווערן גרינער פון טאָג צו טאָג. די ערד איז באַדעקט מיט נייע בליעכצן, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די בוימער, רויטינקע בערעלאַך, וואָס אז מען נעמט זיי אין האַנט, זיינען זיי ווייך ווי סאַמעט.

איצט איז די דאַמבע פון קיינעם ניט באַזוכט, נאָר וויפיל לעבן, וויפיל באַוועגונג איז דאָ גאָרניט לאַנג געווען! שטענדיק פול געפּאַקט מיט אַרבעטער, זשומענדיקע גרופּקעס, הילכיקע אויסגעשרייען. אָט האָט זיך אויפגעטשעפּעט אַ „בונדאָוועץ" מיט אַ „ס. ס."' און די קולות גרייכן ביזן הימל אַריין.

— „דער פּראָלעטאַריאַט וויל זיך ניט פּראָלעטאַריזירן!" עס קומט צופאָרן זייערער „אַ מענטש" מיט פּרישע, נאָר וואָס באַ־שאַפענע טעאָריעס, גייען שוין אונזערע אַרום מיט אומעטיקע בליקן:

— „מען מוז דאָך ענטפערן".

נאָר אָט קומט צופאָרן אַן אונזעריקער און וואו? ווען? ער צעקלאַפּט דעם ס. ס.'אָוועץ אויף אַלע פּונקטן און ווידער לייטערן זיך די שטערנס, ווידער איז שטאַרק דער גלויבן און זיכערער ווי פריער.

צי אַמאָל ווערט באַשאַפן אַן אימפּראָוויזירטע פאַרזאַמ־לונג. שלמה'קע דער שטעפער, וואָס האָט ליב צו נעמען „אַ וואָרט", ווערט דאָ אויסגעהערט, און עס דונערט שוין זיין עטוואָס הייזע־ריקער קול:

— „חברים! איך וועל אייך פאָרשטעלן אונזער לאַגע אין דער פאָרמע, ווי מיר לעבן איצט, מיר ווערן אין אַ געוויסן זין עקספּלואַטירט אַלס אַזעלכע, לאָמיר זיך פאַראייניקן אונטער איין שטאַנדפּונקט, נידער מיט דער זעלבסטהערשונג"! אַזאַ רעדע איז אפשר ניט אַלעמען קלאָר, אָבער מען ווייס שוין וואָס ער מיינט און אַלע זענען איינשטימיק, אַלע זענען באַגייסטערט.

מיינע בליקן זענען שטענדיק געווענדט צו דער פאַרגאַנגענ־

הייט, ניט צו דער געגנוואַרט און ניט אין דער צוקונפט. איבער מיר הייבט די פאַרגאַנגענהייט. אמאָל לייכט זי מיר ווי א שטערן א ליכטיקער און אמאָל שטייט זי מיר אין וועג און לאָזט מיר ניט געבן קיין איין טראַט.

ווידער א בריוו פון באָריסן. ווי ווייניק איך קען איצט זאָגן וועגן אים, זיין בילד רוקט זיך פון מיר אוועק אלץ ווייטער און ווייטער און ווערט ערגעץ אין דער ווייטקייט פאַרשוואונדן. ער פילט געוויס דאָס אייגענע אין באַציאונג צו מיר, פונדעסטוועגן שרייבט ער נאָך א בריוו פון צייט צו צייט. ער רייסט ניט אי־בער מיט אמאָל, ער איז דאָך אן איידעלפייער.

***

העניע די נייטאַרקע האָט אף מיר געוואַרט. העניע, די ענ־טוזיאַסטישע נאַטור, זי פאַרבליניעט זיך אזש בשעת זי רעדט פון אונזער אידעאַל. איר איז נאָך שווערער פון מיר צו באַנעמען זאַכן. די חברים פלעגן וועגן איר זאָגן, — זי איז קאָנסערוואַ־טיוו.

איך געדיינק איינמאָל, אין וואַלד בא א פאַרזאַמלונג, דאָס איז געווען יום כפור, מיר האָבן געהאַט אן אלגעמיינעם מאָלצייט, און געפילט זיך דערהויבן מיט דעם, וואָס מיר זענען שוין ניט מער קיין שקלאַפן פון דער רעליגיע. נאָר העניע האָט אויסגעזען פאַר־טראַכט און איר פנים איז שטאַרק בלאַס געווען. געוויס האָט זי געפאַסט. און אז א חבר האָט איר צוגעטראָגן א שטיקל „טשיינע" וואורשט, האָט זי עס גענומען איבער געוואַלד.

איצט איז זי געקומען צו מיר צו געפינען א טרייסט. אין דער אלגעמיינער פאַרלאָרנקייט, ווען אזוי פיל חברים זענען אוועק פון דער באַוועגונג און טראַכטן נאָר וועגן זייערע פערזענלאַכע אינטערעסן, בין איך איינע פאַרבליבן דיזעלבע איבערגעגעבענע צו דער זאַך ווי אלע מאָל.

— „העניע — רייד איך צו איר — עס איז דאָך שוין איצט

אן אנדער צייט, עס זענען דאָך דאָ אזוי פיל זאַכן אויסער דער באוועגונג, מיט וואָס מען קאָן זיך פאראינטערעסירן. נעמט, צום ביישפּיל קונסט".

העניע קוקט מיך אָן פארוואונדערט זי איז אין מיר אַנטוישט, און זי האָט אין מיר אזוי געגלויבט! זי זיצט נאָך א ווײַלע שווייגנדיק, און אַז זי שטייט שוין באם טיר רעדט זי ארויס אורמעטיק:

— "די מענטשהייט איז זייער פארדארבן".

אָבער די אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער מאסע, הערן ניט אויף אין מיר צו גלויבן. זיי באגעגענען מיך מיט האָפנונג אין די אויגן, און זיי ווארטן אף מיין ווארט.

"דבורה איז מיט אונז"—זאָגן זיי. און איך פיל זיך אַנטקעגן זיי שולדיק.

עס איז געווען א קוואַל, וואו מענטשן דארשטיקע פלעגן קורמען זיך אָנטרינקען, דער קוואַל איז שוין אויסגעטריקנט און מענטשן האַלטן נאָך אין איין קומען.

אהער איז געקומען א נייער חבר, א ס.־ער.'אָוועץ, ער הייסט סאמואיל. מען האָט אים פארשיקט אהער אף א באשטימטן טער־מין, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעוועזן אַ צייט אין סיביר.

סאמואיל איז געקומען צו מיר אין שטוב צו באקענען זיך מיט מיר. איך בין דעמאָלט געזעסן באַ מיר אין צימער, און איך האָב געהערט ווי עפּעס א נייער מענטש פרעגט זיך אויף מיין נאָמען, בין איך ניט ארויסגעלאָפן גלייך זען ווער דאָס איז, נאָר איך בין געזעסן און זיך איינגעהערט און הנאה געהאט וואָס אי־מיצער פרעגט זיך אויף מיר, וואָס מען דערמאָנט מיין נאָמען.

סאמואיל זעט אויס אזוי ווי א מרוק, ווי א פארשלאָסענער אין זיך אליין. ער רעדט גראָב, אזוי ווי ער וואָלט זיך אויף אי־מיצן געבייזערט, זיינע אויגן קוקן ארויס דורכדרינגענדיק פון אונ־טערן שטערן. נאָר אז מען דערקענט אים נענטער, מען „פּאסט צו צו אים דעם שליסל" עפנט זיך א קוואל פון גוטמוטיקייט און חבר'ישקייט אין אים.

אַמאָל פאלט אף אים אָן א מרה־שחורה. ער קומט צוגיין, זעצט זיך אוועק, מיט די הענט פארלייגט אף די קני און ברומט די גאנצע צייט עפּעס א ניגון, אָדער ער נעמט זיך מיט גרויס חשק צו לייענען די ידיעות פון דער צייטונג מיט וואָס עס איז פאר־שפּרייט דער טישל באַ מיר אין צימער. דעמאָלט קאָן מען פון אים ניט ארויסקריגן קיין איין וואָרט. אז ניט, שטעלט ער זיך אויף מיטאמאָל און הויבט אָן האלטן א רעדע.

„די קליינבירגער, וואָס דארפן, לויט דער סאָציאל־דעמאָקראַ־טישער לערע אונטערגיין, פארנעמען גאָר איצט דעם אויבן־אָן. די גאנצע געזעלשאפט איז דורכגעדרונגען מיט דעם קליינבירגער־

לאבן געשמאַק, מיט זייער מעסיקייט. א גוט איינגעאָרדענטע מאַשין, וואָס גיט ארוים פּראָדוקטן איינס ענלאַך צום אנדערן ווי צוויי טראָפּנס וואסער, — דאָס זענען זייערע טעג. און ניט נאָר אזא לעבן איז פאַר זיי שווער — זיי פילן אין דעם דעם גאנצן טעם. ווען איינער פּרואווט זיך פירן אנדערש ווי זיי, זעען זיי אין דעם א שטערונג פאַר זייער רו, און זיי הויבן אויף א ליארם".

איינמאָל האָב איך צופעליק ניט געזען סאַמואילן עטלאַכע טעג. ער האָט מיר דערנאָך באַגעגנט מיט א געשריי: — „בונ־דאָווקע, וואו ווערט איר דאָס פאַרפאַלן אַף גאַנצע טעג?" נאָר באלד איז סאַמואיל געוואָרן ווידער אויפגעלייגט, ער האָט געלאַכט אַפן קול און געשיקט זיך געוויצלט. דערנאָך האָבן מיר ארומגעוואַנ־דערט אונטערן שטאָט ווי אַלע מאָל. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען א קלויסטער. עטלאַכע פרויען זענען געשטאַנען אַף די קני אנטקעגן אריינגאַנג, די הענט אויפגעלייגט און די אויגן געווענדט צום הימל. מיט א רואיקער פרומקייט איז געווען דורכגענומען זייער יעדע באַוועגונג. דער אָרגאַן האָט שטיל און אנגענעם באַגלייט מיט געזאַנג זייער פרומען דאַווענען.

— „אוי, ווי איך בין זיי מקנא", — האָט זיך בא מיר ניט־ווילנדיק ארויסגעכאַפּט. סאַמואיל איז געוואָרן אן אויפגעקאָכ־טער.

— „ווייסט איר דען ניט, אז די רעליגיע איז שטענדיק גע־ווען א שטערונג פאַר יעדן פרייען געדאַנק, זי האָט אומעטום פאַר־שפּרייט נאָר פינסטערניש און אַבערגלויבן, און זי דערלאָזט ניט די מענטשן צו זען זייער אמת'ע לאַגע נאָך ביז היינטיקן טאָג".

איך האָב געפּרואווט ארויסזאָגן א מיינונג, אז „דער קריי־סטענטום איז אין זיין צייט, ווען ער איז באַשאַפן געוואָרן, געווען א פּראָגרעסיווע דערשיינונג, דעמאָלט ווען ארום האָט געהערשט א ווילדע צולאָזנקייט און די מענטשלאַכע זיטן זענען געווען גע־פאַלן. פּונקט ווי דער גלויבן אין איין איינציקן גאָט בא אידן איז געווען פּראָגרעסיוו, ווען ארום זענען אַלע פעלקער געווען געצנדי־נער. געוויס האָט איצט די רעליגיע שוין פאַרלאָרן איר באַדיי־

טונג". נאָר סאמואל האָט זיך אזוי ווי גאָרניט צוגעהערט צו מיי־נע רייד, און איך בין אנטשוויגן געוואָרן.

פארן אוועקגיין האָט סאמואיל מיר ווארים געדריקט די האנט און ארויסגערעדט מיט א שמייכל:

— „פונדעסטוועגן זענען די בונדאָוועצעס א גאנץ וואויל פאָלק".

***

צו אונזער געזעלשאפט קומט צו אמאָל ביילקע די פריקאז־טשיצע. סאמואיל האָט ליב פארפירן מיט איר א דיסקוסיע און „צושפארן זי צום וואנט", די לעצטע צייט מיידט זי אים אינגאנצן אויס.

איבריקנס, ביילקע די פריקאזטשיצע איז צופיל פארנומען. זי גרייט זיך שוין צום עקזאמען. אָט איז א מענטש וואָס דארף די־נען פאר א מוסטער, — וואָס הייסט גיין אין א ריכטיקן וועג. ביילקע וועט זיך שוין דערשלאָגן צו א בכבודיקן אָרט צווישן די מענטשן. זי שרייבט זיך שוין איצט אויך אויף מיט פאניע ראָ־זענצווייג, די קורסיסטקע. אז פאניע איז אין אויסלאנד שרייבט ביילקע צו איר פעריאָדיש בריוו, אויף וואָס יענע ענטפערט אויך זייער פינקטלאך.

איינמאָל בין איך געקומען צו ביילקען אינדערפרי, און זי האָט שוין דעמאָלט געדארפט אָנשרייבן דעם פעריאָדישן בריוו, נאָר קיין אינטערעסאנטע טעמא האָט זי ניט געהאט, איז זי געווען אין גרוים פארלעגנהייט. איך האָב איר דעמאָלט געראטן זי זאָל שרייבן א קארטל. נאָר ביילקע האָט געזאָגט: ס'איז אוממעגלאך, זי האָט שוין צוויי קארטלאך געשריבן, איצט מוז זי איר שוין שיקן א בריוו.

***

בא אונז איז שוין טיפער ווינטער, דער לעבן איז ווי אָפּגע־שטעלט. אלץ ארום האָט זיך אויפגענורעט און איינגעדרימלט אין א לאנגן ווינטערדיקן שלאָף.

סאמואיל איז אוועקגעפארן. עס האָט זיך שוין געענדיקט

זיין טערמין. איצט איז ווידער דאָס לעבן אוועק ווי פריער.

אימיצער האָט אריינגעוואָרפן א שטיינדל אין א שטייענדיקע וואסער. דאָס וואסער האָט זיך אויפגערודערט א ווײַלע, עס האָבן זיך באוויזן וואסערדיקע רינגען אף זיין פלאך. דערנאָך איז ווי־דער געוואָרן רואיק ווי אלע מאָל.

איך זיץ באַם פענסטער און קוק אריין אין עפּעס א בוך. אין דרויסן בלישטשעט קאַלט דער שניי. אָן א זייט זעט זיך א דאַר בוימל, זיינע צווייגן בויגן זיך אָנמעכטיק צו דער ערד, זיי זענען אָנגעוואָרפן גראָב מיט שניי.

און אַרום איז אזוי שטיל. עס הערט זיך נאָר דער טיק־טאַק פונם וואַנט־זייגער. וואָס דערמאָנט דאָס מיר? עפּעס איז שוין דאָס אמאָל געווען. אמאָל מיט א סך יאָרן צוריק. איך זיץ באַם פענסטער און בין אריינגעטאָן אין לייענען א בוך. אָט עפנט זיך די טיר, עס קומט אריין דער טאַטע. ער שטעלט אוועק דעם נאַסן שירעם אין א ווינקל און הויבט אָן ארומגיין איבערן שטוב הין און צוריק.

— „דו ווייסט דבורה'לע — זאָגט ער צו מיר — מען דאַרף דיר גאָר מאַכן פאַר א שניידערין".

אין מאַסטערסקאַיע איז פריילאך. הערשל דער ביאַליסטאָ־קער טראָגט פולע קעשענעס מיט ביכלאך. מיר גייען אויף דעם „גרינעם וועג", און הערשל דערציילט אזעלכע וואונדערלאַכע זאכן, אז ס'פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם.

גרויסע ליכטיקע צייטן.

אָדעס, 6טן אויגוסט.

איך האָב אזוי פיל געהערט פון אָדעס, אָט־דער וואונדערבאַ־רער שטאָט, מיט אירע אייגנאַרטיקע שיינקייטן, וואָס זי פאַר־מאָגט, וועגן דעם געמיש פון אלערליי פעלקער מיט זייערע באַ־זונדערע לשונות, און וועגן ים. און שוין לאַנג אז איך האָב גע־וואָלט קומען אהער צו אָנקוקן דאָס אַלץ.

אָדעס האָט מיך אויפגענומען היימיש און ליב, אזוי ווי א גע־טרייער חבר וואָלט מיר אויסגעשטרעקט א האַנט און געזאָגט צו מיר א גוט וואָרט. איך גיי דאָ אַרום א דערמונטערטע איבער די גאַסן, אַלייען, צווישן די שטענדיק בליענדיקע בוימער, איך פיל זיך דאָ היימיש, פונקט ווי איך וואָלט שוין דאָ געווען אמאָל.

בא א סקווער וואָס איז באוואקסן מיט כל׳ערליי בלומען, שטעל איך זיך אָפּ א ווײַלע און קוק זיך איין: די בלומען זיינען ווי קינדער צעשטעלט אין רייען, אָנגעטאָן אין די רייכסטע קאָלירן, ווי קינדער גייען זיי שטיפעריש א קאַראַהאָד, זיי שיקן מיר באַרו־איקנדיקע גרוסן און גלעטן און צערטלען דאָס אויג.

און די מענטשן, וואָס איך באַגעגן דאָ, זעען אוים ווי זיי וואָלטן אַרומגעגאַנגען אין א געבענטשטן לאַנד, מיט לויטערע, לעבנסלוס־טיקע פנים׳ער, און איבער דאָס אַלץ שיינט אזוי ליב־טיק די זון. די אָדעסער זון, וואָס דרינגט אריין אין אַלע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלאַך, לאָזט ניט איבער קיין איין טונקעלן אָרט אין הארצן. דאָ אָטעמט זיך גרינגער, דאָ ווילט זיך לעבן גלאַט אזוי אָן שום מאָטיוון, ווייל דיין זיין דאָ אָף דער וועלט איז שוין גאָר עפּעס א שׂכל׳דיקע טשיקאַווע זאַך.

דער ים איז עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך ניט באַגריפן. אַ פרעמדע אומפאַרשטענדלאַכע סטיכיע וואָס מאַכט מיך אומרו־איק יעדער מאָל, ווען איך דערנענטער זיך צו אים.

צי בשעת פון זיינע טיפענישן הויבט זיך אויף אַן אומרואיקייט און אַ געברומעריי, ווען ער איז צערייצט און רייסט פון זיך אליין שטיקער. אָדער דעמאָלט ווען ער ליגט זיך אויסגעצויגן אַ רחבות'דיקער און אַ צעשמייכלטער און מאַניעט אין זיינע ווייט־קייטן אַריין. אַלץ איינס פיל איך זיין איבערנאַטירלאַכע קראַפט. דאָס איז ניט ווי דער וואַלד אין לאָזאָווע, וואָס איז געווען מיין נאָנטער פריינט און מיט וועמען מיר זענען געווען אינטים און אָפנהאַרציק איינע צו די אַנדערע.

נאָר מיר איז דאַ גאַרניט שלעכט. אָ, אָדעס איז ניט די שטאָט וואָס מען זאָל זיך דאָ פילן שלעכט. איך גיי זיך אַפּן בול־וואַר שפּאַצירן, מערסטנטיילס באַטאָג. אַמאָל פיר איך געשפּרעכן מיט זיך אַליין:

— „מאַדעמואַזעל, — זאָג איך — פאַרוואָס גייט איר עפּעס שפּאַצירן איינע אַליין?" — אַמאָל פאַלט מיר איין אַ גוטער וויץ, איך צעלאַך זיך שיר ניט אַפּן קול: „אי, דבורה, ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ מאָלאָדטשינע".

באַטאָג איז דער בולוואַר ניט שטאַרק באַלעבט. פונדעסט־וועגן איז פאַראַן אַף וואָס צוו געבן אַ קוק.

האַרט באַם ים, אַן אַ זייט פון בולוואַר שטייט אַ יונגער מאַן. ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין האָריזאָנט און איז אַזוי שטיין געבליבן פאַרגליווערט. זיין פּנים איז פאַרוואָלקנט, ער טראָגט לאַנגע, ניט־געשאָרענע האָר און אין האַנט איז געבליבן היינגען זיין ברייט־ראַנדיקער הוט.

ניט ווייט באַ אַ באַנק שטייט אַ פרייליכע קאָמפּאַניע, צוויי מענער און אַ מיידל. זייער געשפּרעך איז לייכט, שפּי־לעוודיק, אַזוי ווי מען רעדט אין אָדעס. דאָס מיידל לאַכט די גאַנצע צייט אָן אָן אויפהער. און די מענער שטרייטן זיך אָן איבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן אין דערציילן אַ וויץ.

דער איינער, וואָס דערציילט איצט, איז אַ מייסטער אַף ריידן, עס רעדט זיין גאַנצע פיגור, זיין פראַנטישער קאָסטיום, די ליאַ־קירטע שיך און אַפילו זיין דין שטעקעלע, מיט וועלכן ער פּאַכעט אין דער לופטן. ער וועט אַריבערשטייגן זיין חבר, דאָס קען מען שוין זאָגן אַף זיכער. דער דאָזיקער חבר זיי־נער איז צו־לאַנגזאַם צו געפינען יעדע ווײַלע נייעם רייד־מאַטעריאַל, און ער פאַרמאָגט ניט די נויטיקע דרייסטקייט, ניט אין זיין אויסזען און ניט אין זיין שטים.

אָט גייט פאַרביי אַ יונגע דאַמע. זי באַוועגט זיך זייער שנעל, נאָר עס זעט גאָר אויס, ווי זי שטייט אויף איין אָרט. דאָס קומט פון דעם, וואָס זי טראָגט אַ שמאָל קליידל און דאָס שטערט איר צו געבן אַ פרייען טראָט. אין איין האַנט האַלט זי אַן אָפענעם שירעם צו פאַרשטעלן זיך פון דער זון, און דער אַנדער האַנט טראָגט זי איר האַנט־טאַש. און דערביי מאַכט זי מיטן קערפּער אַזעלכע באַוועגונגען, אַז „ניט ווילנדיק“ פאַרציט זיך אָן אַ זייט איר בלוזע און עס אַנטפּלעקט זיך איר ווייסער האַלז.

בא אונז אין שטאָט זענען דאָ אַזעלכע גאַסן־מוזיקאַנטן, וואָס טראָגן אַף דער פּלייצע אַ גרויסע פּויק. פון די טאַצן באַם פּויק ציט זיך אַ רימען צום פוס און אַפן קאָפּ טראָגט ער אַ מיצל באַהאַנגען מיט גלעקלאַך. ווען אַלע זיינע אברים קו־מען אין באַוועגונג, באַקומט זיך גאָר אַ שיינע מוזיק. נאָר דער מוזיקאַנט דאַרף שווער אַרבעטן דערביי.

אויך אָט־דער דאַמע אַפן בולוואַר קומט ניט אַזוי גרינג איר שפּאַציר. אָרימע דאַמע!

אָדעס, 23טן אפריל.

אין אָדעס איז איצט פרילינג און עס בליען די אקאציעס.
ווי שיין ס'זעט אויס אָדעס ווען דאָ בליען די אקאציעס. ווער עס האָט דעמאָלט געזען אָט־די שטאָט, וועט ער זי אַף לאַנג ניט פארגעסן.

פאר אנדערע קומט דאָס אויס גאר אומגעריכט. דו גייסט זיך איבערן גאס און דערפילסט מיט אמאָל אזא אנגענעמען, אזא וואונדערבארן ריח. דו קוקסט זיך אום — אקאציעס, די גאנצע שטאָט, אַלע גאסן זיינען באצירט מיט ווייסע בליענדיקע אקאציעס. א ווייסער יום־טוב. אַלץ ארום באקומט עפּעס א באזונדערן פריילאכן אויסזען. די מענטשן זענען פאר'שכור'ט פון ריח. פאר'חלומ'ט וואכט מען אין די נעכט. עס שלאָפט זיך ניט. א זיסע אומרואיקייט פילט זיך אין דער לופט. עס זינגט זיך און מען ווייסט ניט פון וואנען עס קומט דער גע־זאנג.

עס איז ווי דער פרילינג וואָלט זיך אריבערגעקליבן אהער, איבערן ים, צו פראוועַן דאָ זיין יום־טוב.

עס איז געווען א וואונדערלאַכער טאָג. די זון האָט העל געשיינט און האָט רייך באַלויכטן די אַזוי אויך רייכע און שיינע שטאָט אָדעס.

אין לופט האָט זיך געטראָגן א מערקווירדיקע שטילקייט, אַן איינגעהאַלטענע און א פולע, יענע שטילקייט, וואָס מען פילט בשעת אן איבערפלוס פון גליק.

אין האַפן האָט געשוויבלט מיט מענטשן. עס האָט גע־דאַרפט אָפּגיין א שיף. דער רעווען פון די סיגנאַלן, די גע־שרייען פון דער קאָמאַנדע איבער די מאַטראָסן און פון די פאַרלאָרענע פּאַסאַזשירן, אַלץ האָט זיך אויפגעגאָסן אין איין גרויסן געטומל. און נאָר דער ים איז זיך געלעגן רואיק און זיך געצערטלט אויף דער זון. זיינע כוואַליעס האָבן זיך שטי־פעריש געשפּילט און לוסטיק איבערגעיאָגט איינע די אַנדערע.

די שיף האָט זיך גענומען רירן פון ברעג. די כוואַליעס האָבן איר אונטערגעכאַפּט, גענומען איר וויגן. די שיף איז זיך לאַנגזאַם געשוואומען, לאָזנדיק נאָך זיך א לאַנגן פּאַס רוישנ־דיקן וואַסער. זי האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון אויג און איז קלענער געוואָרן.

איך בין געשטאַנען אפן ברעג. מיין בליק איז געווען אָנ־געצילט צום האָריזאָנט, וואו עס איז פאַרשוואונדן די שיף. מיט אַמאָל האָט מיך א צי געטאָן אהין, צו יענעם נייעם לאַנד, וואוהין די שיף איז געשוואומען. איך האָב דערפילט א נייעם כוח. מיין האַרץ האָט זיך געטרונקען אין פרייד. ערגעץ־וואו איז דאָ א גייער לעבן, וואָס וואַרט אויף מיין קומען.